№ 727
66901

פערלאַג
„ארבייטער שטימע".

מ. שיפפעל.

# די עקאנאמישע איבערקעהרענישען און די ענטוויקלונג פון דער סאציאל־דעמאקראטיע.

Юрьевская Еврейская библiотека имени Д-ра Л. А. Эйгеса
№ 1981.

М. Шиппель.

## Экономическiй переворотъ и развитiе Социалъ-Демократiи.

ס"ט פטרבורג.
בוכדרוקעריי פאן יוסף לוריא עט קאָמפ., גאַראָחאָװאַיאַ 48.
ה'תרס"ו.

Книжный магазинъ
Э. Л. Раппопортъ,
Рига,
Бл. Московская ул. 21.

# דִי עֶקָאנָאמִישֶׁע אִיבֶּערְקֶעהְרֶענִישֶׁען

## און דִי עֶנְטְוִויקְלוּנְג פוּן דֶער

# סָאצִיַאלְדֶעמָאקְרַאטִיֶע.

## I.

אונזער צייט פון שטענדיגע רעוואלוציעס, איבערהויפט פון אונמערקבארע רעוואלוציעס אין דער *טעכניק*, איז אויך א'ן עפאכע פון שנעלע און ביז איצט ניט געהערטע אייגענטהום-איבערקעהרענישען, וועלכע צוטיילען אלץ שטארקער און שטארקער די געזעלשאפט אויף א מאסע אונפערמעגענדע, וואס וואקסט פון מינוט צו מינוט און יואס האט אלס אייגענטהום ניט מעהר ווי איהר *ארבייטס-קראפט*, — און אויף א קליינע הייפעלע פערמעגענדע, וועלכע ווערען די איינציגע בעלי-בתים איבער אלע *פראדוקציאנס-מיטלען*.

פערמעגען און ארבייט! עס איז גאר ניט אזוי ווייט די צייט, ווען זיי ביידע זיינען ניט געווען אזוי שטארק אבגעטיילט איינע פון דער אנדערער, ווי איצט; און אפילו איצט געפינען מיר נאך אין דער שכנות פון אונזערע גרויסע אינדוסטריעלע צענטערען נעבעכדיגע צובראקעלטע רעסטען פון דער אלטער ווירטשאפטס-ארדנונג, וועלכע איז געווען געבויט אויף פעראייניגונג פון ארבייטס-קראפט מיט פראדוקציאנס-מיטלען.

אין די וויטע פערוואָרפענע ווינקלעך, וועלכע זיינען נאך ניט דורכגעשניטען פון די אייזענבאהן-שינעס, וואו עס האבען

נאָך ניִט דערגרייִכט די כוואַלעס פון דעם היינטיִגען פערקעהר און האָבען נאָך ניִט אַריינגעצויגען אַלץ אין דעם תחום פון דער פראָדוקציאָן פאַר דעם מאַסען-פערקויף, פאַר דעם ווייטען וועלט-מאַרק — דאָרט געפיִנען מיִר נאָך וואו-ניִט-וואו פאַרצייטיִגע לעבענס-אָרדנונגען, וועלכע זיינען שוין אין אַנדערע ערטער לאַנג פערזונקען געוואָרען אין דעם שטראָם פון דער געשיִכטע.

דאָרט געפיִנען מיִר נאָך, למשל, אין אַ קלייִנער, פיינער הייזעל, וועלכע געהט איבער בירושה פון דור צו דור, דעם אַלט-פרייִנקיִשען קלייִן וועבער, וועלכער קויפט אויף די שפיִן-פעדיִם, וואָס עס האָבען אויסגעאַרבייט אין די לאַנגע ווינטער-אָוועגדען זיינע שכנים, וועלכע בעאַרבייטען זומער די פעלדער — און בעאַרבייט זיי און ליִפערט אָב וואָך ביי וואָך די קונדען זיין סחורה.

דער קלייִן-וועבער מוז, פונקט אַזוי ווי דער וועבער אין אַ פאַבריִק פון אַ גרויסער שטאָדט, אָנגעשטרענגט אַרבייטען מיִט אַלע זיינע גליִדער; ער פערדיִענט זיין ברויט ניִט מיִט דעם שווייס פון אַנדערע, ווי דער אַקציאָנער פון דער מעכאַניִשער וועבעריי; ער זיִצט יעדען טאָג שטונדען לאַנג אין זיין וועבעריי, שלעפענדיִג די קעטע און טרייבענדיִג דעם וועב-שיִפעל. אָט אַזאַ קלייִן-וועבער איז אויך אַ'ן אַרבייטער.

נאָר צו גלייכער צייט איז ער אויך אַ'ן אייגענטהימער. די שטוב, וואו ער אַרבייט און רוהט, לעבט און שטאַרבט — איז זיינע אַ'ן אייגענע; דער קלייִנער גאָרטען מיט דעם שטיִק פעלד אַרום שטוב איז זיין אייגענטהום: די פאָדים, וואָס ער פער-ברויכט, געהערט צו איהם; דער וועב-שטוהל, ביי וועלכען ער אַרבייט, איז זיין אייגענטהום. ער איז דער איינציִגער בעל-הבית און בעל דעה איבער די אַלע מיִטלען, וועלכע ער האָט נייטיִג צו זיין פראָדוקציאָן. און דעריִבער קומט איהם אַלייִן אָן די גאַנצע הכנסה פון זיין אַרבייט, די גאַנצע געלד, וואָס ער לייזט פאַר זיינע פראָדוקטען. ער דאַרף מיִט זיין פער-דיִענסט מיִט קייִנעם זיך ניִט טייִלען; ער דאַרף ניִט אָבגעבען

דעם גרעסערען טײל א׳ן אנדערען, װעלכער האט איהם „געשטעלט״ צו דער ארבײט, אום צו עקספלואטירען איהם.

אזוי לעבט ער זיך שטיל און רוהיג אויף דעם זעלבען אופן, װי זײנע אבות האבען געלעבט, און זײן זוהן האפט אויך אזוי צו לעבען. אויב דעם לעצטען קומט שוין יע אוים צו פער־ברײנגען א קורצע צײט אין דער פרעמד און צו זײן ניט מעהר װי א׳ן ארבײטער, דינענדיג בײ א פרעמדען מײסטער פאר א געװיסען „לוין״ — זײנען דיזע װאנדערונגס און לעהרע־יאהרען פאר איהם נאר א׳ן איבערגאנגס-צײט. גאנץ גיך װעט ער אנקלײבען די קלײנע סומע געלד, װעלכע איז נויטיג אויף אנצוהויבען צו פיהרען א׳ן אײגענע בעל-הבית׳שקײט; אויב עס װעט איהם אויספעהלען א קלײניגקײט, װעט איהם דערלײגען זײן פאטער פון זײן צוזאמענגעקליבענעם קלײנעם פערמעגען און די מוטער פון איהרע בעהאלטענע קניפלעך; און דאן װעט ער אויך האבען א׳ן אײגענע שטוב מיט א פעלד און מיט א גארטען, א יעב-שטוהל און אלע פראדוקציאנס-מיטלען; דאן איז ער שוין ניט נאר א׳ן ארבײטער, װעלכער איז אבהײנגיג און װערט עקס־פלואטירט פון א׳ן אנדערען; דאן איז ער שוין א׳ן ארבײטער און א בעזיצער צוזאמען; און דעריבער איז ער א בעל-הבית אויף אלע זײנע געשעפטען און אונטערנעהמונגען. איצט איז ער שוין פון קײנעם ניט אבהײנגיג און דארף זיך מיט קײנעם ניט טײלען מיט זײן פערדיענסט.

אזוי פליסט זיך דער לעבען פון דעם קלײן-װעבער, שטענדיג מיט דעם זעלביגען גאנג און אהן ברײטע אויסזיכטען אין דער צוקונפט, אבער דערפאר אויך אהן שװערע זארג און אהן ער נידעריגענדע אבהענגיגקײט.

אבער אויך פאר איהם ענדערען זיך באלד די צײטען שוין אײניגע חדשים גראבט מען אין גרוים אײלעניש, מען קלאפט און מען בויט אויף דעם ברעג פון דער דערבײאיגער טײכעל, אט פון דער טײכעל, װעמעס װאסער-קראפט מען האט ביז איצט ניט אויסגענוצט. און אט שטעהט שוין א פארטיגער בנין, אויף

װעלכען דער עולם חדוש'ט זיך שטאַרק, אײנער פֿון יענע פֿינף אָדער זעקס-שטאָקיגע ריעזען, װעלכע מיר האָבען געזעהען אין די טעקסטיל-געגענדען [1]) שוין אין די יונגע יאָהרען פֿון דער מעכאַנישער אינדוסטריע. באַלד הױבט זיך אָן דיזער ריזען-אַפּאַראַט צו בעװעגען און אין פֿערגלײַך מיט איהם זעהט אױס די װעב-שטוב און דער האַנד-שטוהל פֿון אונזער קלײן-װעבער װי אַ שפּיעלצײַג פֿאַר קינדער, אין דער נײַ-אױפגעבױטער פֿאַבריק געפינען מיר שוין אַלע המצאות און קונצען פֿון דער הײַנטיגער טעכניק. כמעט אָהן אַרבײַט פֿליסען פֿון איהר אָהן אַ'ן אױפהער די געשפּינעכטס און געװעבעכטס, װעלכע מען פֿלעגט ביז איצט אױסאַרבײַטען מיט גרױס מאַטערניש און אין אַ קלײנעם סכום בײַ דער הױז-פּראָדוקציאָן.

צוערשט האָט דער קלײן-װעבער נאָר חוזק געמאַכט פֿון דעם נײַעם שװינדעל פֿון די שטאָט-אײנװאָהנער; איצט אָבער פֿאַלט ער בײַ זיך אַ ביסעל אַראָב, װען ער זעהט, מיט װאָס פֿאַר אַ קראַפֿט די קאָנקורענץ דריקט איהם, אַראָבטרײַבענדיג די פּרײַזען און אָבנעהמענדיג בײַ איהם דעריבער אײן קונד נאָך'ן אַנדערען, דער געגנער איז אַ פּנים אַ ביסעל ערענסטער, װי ער האָט געמײנט! נאָר אונזער װעבער האָט נאָך ניט פֿערלאָרען זײַן מוטה; ער האָפֿט נאָך צו שטעהען געגען זײַן קאָנקורענט. אמת, ער װעט נאָר דאַרפֿען פֿון איצט אָן שװערער אַרבײַטען און װײניגער פֿערדינען. און מען זעהט טאַקי דעם װעבער שוין פֿון פֿריהמאָרגען ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרבײַטענדיג בײַ זײַן אַלטמאָדישען װעב-שטוהל, אױך זײַן װײַב מיט די קינדער זיצען איצט מיט איהם צוזאַמען אונטער דעם יאָך פֿון דער שװערער אַרבײַט, מיט דאָפּעלטע אָנשטרענגונגען פֿון זײַן קערפּער װיל ער אָניאָגען דאָס, װאָס עס פֿעהלט איהם אין מעכאַנישע הילפס-מיטלען. דער שװאַכער זקן מיט זײַנע קולעס װיל געהען

[1]) טעקסטיל-אינדוסטריע—הײסט די אינדוסטריע פֿון לײנװאַנד, װאָל, זײַדענס א. ד. ג.

טריט בײַ טריט מיט דעם יונגען ריעז. דאָך אָבער, פערמאַטערט, שטעהט ער אַלץ מעהר און מעהר פון איהם אָב. און חאָטש ער און זײַן גאַנצע פאַמיליע בלײַבען אָהן כוחות פון מאַטערנ׳ש און װערען אויסגעדאַרט פון אָבצערענ׳ש: אַזוי בּיליג פערקױפען סחורות, װי די גרויס-פּראָדוקציאָן מיט איהרע טעכנישע מיטלען, אַזוי בּיליג פערקױפען קען ער ניט. פון זײַן פערדיענסט האָט ער שוין לאַנג ניט אויף די נויטיגסטע הוצאה. נאָר מיט זײַן זעלבּסטשטענדיגקײַט, צו װעלכער ער איז אַזוי צוגעװאָהנט, װיל ער זיך אַלץ ניט אָבזאָגענען, חאָטש אין דער אֶמת׳ן איז שוין פון איהר מעהר ניט װי אַ שאָטען געבליבען — ער האָט דאָך נאָך אַ שטיקעל נחלה, װעלכע ער קען צו געלד מאַכען! און אַ טײל נאָך אַ טײל מאַכט ער איהר טאַקע צו געלד, פריהער — זײַן פעלד מיט׳ן גאָרטען: האָט ער דען שוין איצט צײַט זיי צו בעאַרבּײַטען? נאָך דעם פערזעצט ער זײַן שטוב, די פּראָדוקציאָנס-מיטלען, די װירטשאַפטס-כּלים; צום סוף געהען אויך די לעצטע ברעקלעך פון זײַן אַמאָליגען רײַכטהום אַריבּער אין פרעמדע הענד, בּיז ער װערט אויעקגעשטעלט אין דער זעלבּער לאַגע, װי דער פּעראָרעמטער אַרבּײַטער אין דער דערבּײַאיגער גרויס-אינדוסטריע. אָהן פערמעגען, אָהן פּראָדוקציאָנס-מיטלען, נאָר מיט דער בּלויזער אַרבּײַטס-קראַפט אַלײן.

אויף אַזאַ אופן איז דער קלײן-מײַסטער אָבגעטײלט געװאָרען פון זײַן אײגענטהום, אָבער דאָס אַלץ איז דורכגעפיהרט געװאָרען ניט דורך געװאַלד-מיטלען און ניט דורך אַ װעלכען עס איז געזעץ — נאָר דורך די אויבּערמאַכט פון דער עקאָנאָמישער ענטװיקלונג, װעלכע איז אונפערמײַדליך אָנגעקומען צוזאַמען מיט די איבּערקעהרענישען אין דער טעכניק, מיט דעם אויפבּליהען פון דער גרויס-אינדוסטריע.

אָט אַזוי איז דער אַמאָליגער קלײנער בעל-הבית געװאָרען אַ הײַנטיגער פּראָלעטאַריער.

---

II.

אָבגעטײַלט פון זײַן פערמעגען, איז פונדעסטװעגען אונזער װעבער נאָך אַ בעל-הבית אויף זײַן אַרבײַטס-קראַפט, און אַזוי װי ער איז פון די יונגע יאָהרען אָן צוגעװאָהנט צו דער אַרבײַט, זעהט ער אין איהר, פערשטעהט זיך, קײַן חרפה ניט.

אָבער די נײַע פאָרמע, די שקלאַפּישע אָבהענגיגקײַט, אין װעלכער ער דאַרף אויספיהרען זײַן אַרבײַט פאַר אַ פרעמדען בעל-הבית — דאָס שרעקט איהם יע אָב.

נאָר פון װאָס װעט ער לעבען, אויב ער װעט ניט פערקויפען זײַן אַרבײַטס-קראַפט דעם פאַבריקאַנט, אויב ער װעט ניט אויסבעטלען אַ „שטעלע" אין פאַבריק? כדי צו אַרבײַטען פאַר זיך, דאַרף מען שטענדיג האָבען אויסער דער אַרבײַטס-קראַפט אויך די פּראָדוקציאָנס-מיטלען. און בײַ אַזאַ פּראָדוקציאָנס-פאָרם, װעלכע צערשטערט און בעהערשט אַלץ, טויגען ניט די נעבעכדיגע פּראָדוקציאָנס-מיטלען, װי אונזער װעבערס װעב-שטוהל און װערק-שטאַט, נאָר ריזען-אַפּאַראַטען מיט אַ מורא'דיג גרויסער טרײַב-קראַפט און די געריסע זאַלען פון דעם גרויס-בעטריעב. װאו זאָל דער בעטלער, װעלכער האָט אפילו ניט געקענט פעסט אַײנהאַלטען זײַן אַמאָליגען פערמעגען, נעהמען אַזאַ רײַכטהום אום דאָס אַלץ אײַנצואָרדנען?

די גרויס-אינדוסטריע האָט אין גאַנצען צושלאָגען און פערװאָרפען אין סמיעטניק פון דער פאָלקס-װירטשאַפט די אַמאָליגע פאָרמע פון זעלבסט-שטענדיגקײַט, װען די אַרבײַטס-קראַפט איז אַלײן געװען אַ „בעל דעה איבער זיך". נאָר דער געבאָרענער מיליאָנער אָדער דער גרויסער בעל-מזל האָבען די מעגליכקײַט צו דערגרײַכען אַזאַ זעלבסטשטענדיגקײַט, װעלכע זאָל זײַן בכח צו עקסיסטירען אויך איצט, אין דעם צײַט-אַלטער פון מאַשינען און גרויסע פאַבריקען.

אונזער װעבער איז אַלזאָ געװאָרען אַ פּראָלעטאַריער ניט אויף אַ צײַט, נאָר אַלס אַזעלכער איז ער פער'משפט צו בלײַבען כל זמן ער װעט לעבען.

ווי דער גיהנם, עפּענט אויף די וועלט פון בעזיצלאָזיג-קײט איהרע טהירען פאַר אַלעמען, וועך עס קומט אָן אין איהר פינסטערען תהום. אָבער קיינעם פון איהרע קרבנות ווערט ניט געגעבען די מעגליכקײט אומצוקעהרען זיך צוריק אין די ליכטיגע וועלט.

* * *

אונזער וועבער פערשטעהט שוין גאַנץ גוט, אַז פון זיין נייער לאַגע קען ער ניט אַרויסדרעהען זיך. ער וואַרפט אַוועק דעם אַמאָליגען חלום וועגען זעלבסטשטענדיגקייט און נעהמט אַרויף אויף זיך דעם גאַנצען יאָך פון דער אַרבייט ביי אַ פרעמדען, ביי דעם קאַפּיטאַליסט.

נאָך אין האָפנונג איז איהם געבליבען — אין רעכט. וועלכער קען פיליכט פערגרינגערען זיין אוננעוואָהנטע, אָב-הייננגיגע לאַגע: דער רעכט צו פאָדערען פאַר זיין אַרבייט שכירות ווי פיעל ער וויל.

נאָר באַלד ווערט ער געוואָהר, אַז אויף דעם וועג צו פערווירקליכען דיזען רעכט שטעהען אַ סך שטערונגען. דער-שלאָגען זיך העכערע שכירות קען מען נאָר דורך אַ קאַמפף מיט דעם אונטערנעהמער, וועמעס אינטערעסען עס זיינען פונקט דער הפך פון דעם אַרבייטערס אינטערעסען. אים אינטערעס פון אונטערנעהמער איז צו קויפען די אַרבייטס-קראַפט'ן פאַר'ן בילינגס-טען מקח, ווייל וואָס וועליוועלער ער צאָהלט פאַר די אַרבייטס-קראַפט, אַלץ גרעסער איז די הכנסה פון זיין קאַפּיטאַל. און אויב עס וואָלט זיך שוין יע געפונען אַ'ן איינצעלנער קאַפּי-טאַליסט. וועלכער וואָלט אפשר געוואָלט זיין אַ בעל-רחמים, מישט זיך גלייך אַריין דער איינציגער בעל-דעה, די קאָנקורענץ, און די מענשען-פריינדליכקייט ווערט גלייך פערטריבען, ווי די בייזע רוחות, צו אַל-די שוואַרצע יאָהר.

אין דעם שטרייט צווישען די געגענגעזעצטע אינטערעסען, וועלכער פערהאַפט יעדערען, סיי דעם קאַפּיטאַליסט, סיי דעם

אַרבּײטער, האָט דער קאַפּיטאַליסט שטענדיג די איבּערמאַכט אויף זײַן צד. דער קאַפּיטאַליסט קען װאַרטען, װען די אַרבּײטער ענטזאַגען זיך אַרבּײטען בּײַ איהם; און איבּ ער קען ניט בּײַם שטילשטאַנד פון דער פּראָדוקציאָן פערגרעסערען זײַן רײַכטהום, איז ער דאָך בּכח, אַלס דירעקטאָר בּעל-הבּית, אָדער דורך זײַן געלד, צו בּענוצען זיך מיט די אַלערלײ סחורות, װאָס זײַנען אָנגעפּאַקט אין די שפּײַכלערס פון דער געזעלשאַפט, און דער־ריבּער טאַקי לאָזט זיך אויס אַ בּוידעם פון יעדען פּלאַן דורך „אויסהונגערונג" צו צװינגען דעם קאַפּיטאַליסט אונטערצוגעבּען זיך. פערקעהרט, דער אַרבּײטער הונגערט שוין פון דעם ערש־טען טאָג אָן, און איבּ די האָפנונג, אַז צום סוף װעט ער מנצח זײַן, גיט איהם צו כּחות אַריבּערצוטראָגען די שרעקליכסטע דחקות, צװינגט איהם גאַנץ גיך דער געװיין און דאָס קלאָגען פון זײַן װײַבּ און קינדער אונטערצוגעבּען זיך דעם קאַפּיטאַליסט. די בּעדינגונגען, אויף װעלכע דער קאַפּיטאַליסט לײגט פאָר דעם אַרבּײטער צו נעהמען זיך צו דער אַרבּײט. סײַ די קאָנקורענץ, סײַ זײַן בּײזע הארץ הײסען איהם דאָס, זײַנען אַלע מאָל אויס־גערעכענט אַזוי, אַז דער אַרבּײטער זאָל זיך בּענוגענען מיט דעם נידעריגסטען אַרבּײטס-לוין, אַז ער זאָל פאַר ליעבּ אָננעהמען די קלאָגעדיגסטע שבירות אַבּי נאָר די נשמה צו דערהאַלטען, הגם די פּראָדוקטען פון זײַן אַרבּײט װאַקסען פון טאָג צו טאָג און װעלען װאַקסען, אַ דאַנק די נײַע ערפינדונגען פון דער טעכניק.

דער אַײזערנער לוין-געזעץ איז פון הײַנט אָן דער הערשער איבּער דער פּרנסה פון אונזער װעבּער. װעלכער האָט צוזאַמען מיט זײַן פערמעגען פערלאָרען אויך זײַן זעלבּסטשטענדיגקײט.

און ער איז ניט דער אײנציגער, װעמען דער גרױזאַמער װירטשאַפטליכער שיקזאַל האָט אַראָבּגעװאָרפען פון אײגענטהום און זעלבּסטשטענדיגקײט צום אײבּיגען דלות. װען ער געהט בּעגינען „צו דער אַרבּײט", טרעפט ער זיך מיט גאַנצע מחנות פון זײַנע אונגליקליכע חברים, װעלכע קומען איבּער די פעלדער

און וועלדער פון די ווייט געלעגענע דערפער און שטעטלעך. זייערע פנים'ער זיינען בלייך, אויסגעדארט; אלע זיינען זיי פער־מאטערט פון שטענדיגער נויט און נידערגעשלאגען פון האפנונגס־לאזיגקייט. אלע האבען זיי — אזוי ווי ער — אמאל געלעבט אין רוהיגער זעלבסטשטענדיגקייט, און איצט, צוליעב דעם קלענסטען פערדיענסט, מוזען זיי אלע אנקומען צו דער אינדוסטריע.

אויף דעם זעלבען אופן איז אומעטום — פריהער אדער שפעטער — פארגעקומען די איבערקעהרעניש אין דער פערהעל־טניס צווישען פערמעגען און ארבייט. און אויב מיר וועלען זיך פארשטעלען דיזען ענטוויקלונגס-גאנג — ווי ער איז טאקי פאר־געקומען אין דער אמת'ן — פערשפרייט איבער אלע אינדוסטריע-צווייגען, פראווינצען און לענדער, וועלען מיר האבען א בילד, ווי עס איז בעשאפען געווארען א גאנץ נייע ווירטשאפטליכע וועלט מיט גאנץ אנדערע בעציהונגען פון איין מענשען צום צווייטען, מיט איין ווארט: א בילד פון א פאלשטענדיג פערענדערטער קולטור, וואס איז איבערגעקעהרט גע־ווארען אין אלע איהרע יסודות.

פריהער איז אלערליי קליינפראדוקציאן געווען גלייכמעסיג פערברייטעט איבער דער גאנצער לאנד; טויזענדער קליינע פראדוצענטען — אליין ארבייטער און אויך אליין בעלי-הבתים — זיינען זיך געזעסען אין זייערע הייזלעך. ווי א שנעק מיט זיין הייזעל, זיינען זיי געווען שטארק פערבונדען מיט זייער קליינעם פערמעגען, מיט אלץ, וואס זיי האבען געהאט נויטיג צו זייער פראדוקציאן. דער רוהער מאטעריאל, די הערקצייג האבען גע־הערט צו זיי און דעריבער פלעגט זיי אליין געהערען די גאנצע הכנסה פון זייער ארבייט. שפעטער איז דיזע צובריקלונג פון דער פראדוקציאן פערשוואונדען. די טויזענדער קליינע הייזלעך, ווערק־שטאטען און פראדוקציאנס-מיטלען זיינען ווי צוזאמענגעשמאלצען געווארען און האבען אנגענומען א געשטאלט פון א מורא'דיג גרויסער פאבריק, איצט שטעהט אויף איין זייט דער גרויסער קאפיטאליסט מיט דעם ריזיגען פערמעגען, און אויף דער

אַנדערער זייט די אַרמע פון די אַמאָליגע זעלבּסטשטענדיגע בּעלי-הבּתים'לעך, וועלכע האָבּען פערלאָרען יעדען פערמעגען און זיינען געבּליבּען בּלויז בּיי דער אַרבּייטס-קראַפט אַליין, און וועלכע זיינען פון פריייע אונאַבּהענגיגע מענער געוואָרען אונטערטהעניגע בּיי דער גרויס-מאַכט פון קאַפּיטאַל. ניט אַ פריערדליכע היים, נאָר אַ שרעקליכע תפיסה איז פאַר זיי איצט די פאַבּריק; די הויז, אין וועלכער זיי אַרבּייטען, געהערט שוין מעהר ניט זיי, דער אַמבּאָס (קאָוואַדלע), אויף וועלכער זיי שמידען, דער שטוהל, בּיי וועלכען זיי וועבּען, איז שוין ניט זייער אייגענטהום מעהר; דער פּראָדוקט פון זייער אַרבּייט, די שטענדיג וואַקסענדע מאַסע פון די פאַרטיגע סחורות, דער פדיון פון זיי, קומט שוין מעהר ניט אָן דעם פּראָדוצענט, נאָר אַלץ דעם קאַפּיטאַליסט אַליין. די פּראָדוצענטען האָבּען קיין חלק ניט מעהר אין די אויסגעאַרבּייטע רייכטהימער, נאָר אין אָיענד, אֵיידער עס ווערט פערשלאָסען הינטער זיי דער טויער פון פאַבּריק, גיט מען זיי מיט אויף'ן וועג — מעגען זיי אַפילו צוויי מאָל אַזוי פיעל אויסאַרבּייטען — אַ שטיקעל בּרויט, וואָס זאָל זיין גענוג אויף אונטערצוהאַלטען די כּחות, כּדי צו קענען ווייטער אַרבּייטען, און אויף אויסצוהאָדעווען זייערע קינדער, וועלכע זאָלען שפּעטער טהאָן די עבודת פּרך פאַר די פרעמדע בּעלי-הבּתים.

---

## III.

אָבּער צוזאַמען מיט דיזער מורא'דיגער איבּערקעהרעניש אין אַלע פערהעלטניסען, אין וועלכע יעדער איינצעלנער געפינט זיך, אין וועלכע ער לעבּט און אַרבּייט טאָג-טעגליך, בּייטען זיך אויך כּסדר די אינטערעסען, די געדאַנקען און די שטרעבּונגען פון יעדען איינצעלנעם, און פריהער פאַר אַלץ בּייטען זיך די שטרעבּונגען אין געזעלשאַפטליכען לעבּען, וועלכע טרעטען אַרויס אויפ'ן ערשטען פּלאַן.

דער פּראָדוצענט פון קלייןפּראָדוקציאָן האָט זיך זעהר זעלטען

געפֿיהלט אויסשליסליך אַלס אַ'ן אַרבײַטער, אַלס אַ מענש, וואָס געהערט צו אַ שטרענג אָבגעגרענצטען קלאַס, צו וועלכען ער איז ווי מיט אונזיכטבארע-קייטען צוגעשמידעט אויף זיין גאַנצען לעבען. דער לעהרען-יונג פון די אַמאָליגע יאָהרען איז טאקי געווען כעת דער צייט פון דער לעהרע ניט מעהר ווי אַ'ן אַרבײַטער, אָבער ער האָט שטענדיג געהאָפט אין גיכען צו ווערען זעלבסטשטענדיג, צו ווערען אַ'ן אַרבײַטער און אייגענטהימער צוזאַמען. נאָך אַלס אָבהייִנגיגער פועל פלעגט ער שוין שטענדיג לעבען מיט די רעיונות אין גיכען צו ווערען אַ מייסטער פאַר זיך און עס פלעגט איהם גאָר קיין מאָל ניט אַריין אין קאָפּ דער געדאַנק, אַז ער קען בלייבען נאָר אַ'ן אַרבײַטער, וואָס מוז אַרבײַטען פאַר אַ'ן אייגענטהימער. זיינע אינטערעסען זיינען, פערשטעהט זיך, גאָר אַנדערע געווען: ווי ער זאָל וואָס גיכער זעלבסטשטענדיג ווערען, ווי מען זאָל פערזיכערען אַ פעסטען קיום דעם קליין-אייגענטהום, וועלכער וועט אין גיכען ווערען דער יסוד פון זיין אייגענער עקסיסטענץ. די פּראָדוצענטען זיינען אַלזאָ ניט געשטאַנען אין אַ שטענדיגער און שאַרפער פיינדשאַפט צו די אינטערעסען פון אייגענטהום, פערקעהרט, זיי זיינען נאָך געווען מיט דיזע אינטערעסען ענג פערבונדען. די וועלט פון אַרבײַט איז ניט געווען אָבגעגרענעצט פאַר זיך, און דעריבער איז ניט געווען קיין יסוד פאַר אַ זעלבסטשטענדיגער אַרבײַטער-בעוועגונג, ווי זי איז איצט אומעטום אויסגעוואַקסען מיט אַ סטיכיינער קראַפט. דער אייגענטהום איז געווען דער אונבעגרענצטער הערשער אין געזעלשאַפטליכען לעבען און ער איז ניט געווען געשטערט דורך קיין זאַך, ניט אין דער עקאָנאָמישער ווירטשאַפט און ניט אין דער פּאָליטיק.

דער הײַנטיגער אַרבײַטער געפינט זיך אין אַ גאַנץ אַנדערער לאַגע, ווי זיין חבר פון די אַמאָליגע יאָהרען, און ער קען אַפילו אויף אַ מינוט זיך ניט פערגעסען אָן דער איבערקעהרעניש, וואָס איז פאָרגעקומען; ווי ער זאָל ניט זיין גענאַרט, קען ער שוין

מעהר נִיט קלעהרעֶן וועגעֶן ווערעֶן זעֶלבסטשטעֶנדִיג, ווייל עֶר פעֶרדִיענט נאָר קוים אויף די נשמה צו דערהאַלטעֶן און ווייל עֶר זעֶהט, אַז קאָנקורִירעֶן קענעֶן וואָס ווייטעֶר און ווייטעֶר נאָר אַזעלכעֶ אונטערנעֶהמונגעֶן, אין וועלכעֶ עֶס זיינען אַריינגעֶלייגט גאַנצעֶ מִיליאָנעֶן. אויף אַ שמִיעד, וועֶלכעֶר וואָלט געֶטראַכט צו ווערעֶן אַ'ן אַייזעֶן-פאַברִיקאַנט, אַ שלאָסעֶר — אַ לאָקאָמאָטִיווען-פאַברִיקאַנט, אָדעֶר אַ וועֶבעֶר — אַ'ן אַייגעֶנטהִימעֶר פון אַ וועֶבערייַ — וואָלט מעֶן איצט געֶקוקט ווי אויף אַ משוגעֶ'נעֶם. וואָס האָט זִיךְ אַראָבגעֶרִיסעֶן פון קִייט. איצט איז די וועֶלט פון אַרבייט און די וועלט פון אַייגעֶנטהום אִין גאַנצעֶן אָבגעֶטיילט אַיינעֶ פון דער אַנדעֶרעֶר; איצט אִיז דעֶר אַרבייטעֶר זיין גאַנצעֶן לעֶבעֶן נִיט מעֶהר ווִי אַ'ן אַרבייטעֶר און אִין שטעֶנדִיגעֶן שרעֶק נאָךְ מעֶהר צו פעֶרעֶרגעֶרעֶן זיין לאַגעֶ אָדעֶר אַפילו גאָר אִין גאַנצעֶן צו גרונד געֶהעֶן, בלייבט אִיהם נאָר אַיין זאַךְ אִיבעֶר: אויסשלִיסלִיךְ צו קעֶמפּפעֶן פאַר די אִינטעֶרעֶסעֶן פון דעֶר בעֶזִיצלאָזִינקייט, אַלס פאַר זיינעֶ אַייגעֶנעֶ אִינטעֶרעֶסעֶן. די אַרבייט געֶהט פון איצט אָן מִיט אִיהר אַייגעֶנעֶם וועֶג, וועֶלכעֶר טרעֶפט זִיךְ מִיט'ן וועֶג פון די פעֶרמעֶגעֶנדעֶ קלאַסעֶן סיידעֶן ביי אַ סכסוךְ.

אַקוראַט אַזוי, ווי די היינטִיגעֶ טעֶכנִיק מוז בעֶשאַפעֶן די גרויספּראָדוקציאָן, וועֶלכעֶ דערשטִיקט די קליינפּראָדוקציאָן און פּראָלעֶטאַרִיזִירט די קליינאַייגעֶנטהִימעֶר, אַזוי מוז אויךְ די פּאָלקס-מאַסעֶ צום סוף אָבזאָגעֶן זִיךְ פון די שטרעֶבונגעֶן צום אַייגעֶנ-טהום און זִיךְ פעֶראַיינִיגעֶן אִין אַ גרויסעֶ בעֶוועֶגונג פון בעֶזִיצ-לאָזעֶן, אִין אַ זעֶלבסטשטעֶנדִיגעֶ אַרבייטעֶר-בעֶוועֶגונג.

* * *

אִין אָנהויב אִיז דִיזעֶ בעֶוועֶגונג צובראָקעֶלט. נאָר אִין בעֶזונדעֶר געֶבעֶנשטעֶ עֶרטעֶר, וואו די קראַפט פון וואַסעֶר צִיהט צו צו זִיךְ קאַפּיטאַלעֶן אויף צו בויעֶן גרויסעֶ פאַברִיקעֶן, קלייבעֶן

Ex bibl. univ. Latv.

זיך צונויף גרויסע מענגען פון פּראָלעטאַריאַט אַלס אַרבייטער;
דיזע אַרבייטער, וועלכע זיינען אָבגעזונדערט פון דער איבעריגער
אַרבייטער-וועלט, אָבער צווישען זיך פעסט צוזאַמענגעבונדען—
לערנען זיך גיך אויס סאָלידאַריש צו פיהלען און צו האַנדלען:
דאָס, וואָס זיי אַרבייטען און מאַטערן זיך צוזאַמען, וואָס זיי
ווערען אַלע גלייך און פון דעם זעלבינגען שונא עקספּלואַטירט—
דאָס אַלץ שמידעט זיי צונויף אין אַ פעסטען רינג, ער וועקט
ביי זיי די זעלביגע פאָדערונגען און פיהרט זיי אין דעם פער-
אייניגטען קאַמפף פאַר בעסערע אַרבייטס-בעדינגונגען.

דיזע אַרבייטער-בונדען, וועלכע זיינען אין אַ געוויסען גראַד
אויסגעוואַקסען ווילד (סטיכיינע) און וועלכע זיינען צושפּרייט אין
פערשיעדענע ערטער, וויסען נאָך כמעט ניט איינער פון אַנדערען.
די פּאַרע, וועלכע שפּיעלט איצט אַלס טרייב-קראַפט אַ סך
אַ גרעסערע ראָלע ווי וואַסער, האָט אויך פאַר די אַרבייטער-
בונדען געדיענט אַלס אַ פעראייניגונגס-מיטעל, טיילווייז דעריבער,
ווייל זי טראָגט איבערהויפּט אַריין אַ לעבעדיגערען שטראָם
אין דעם פערקעהר, טיילווייז דעריבער, ווייל זי מאַכט צום
ערשטען מאָל די אינדוסטריע אונאַבהענגיג פון דער טרייב-קראַפט,
וועלכע געפינט זיך אין דער נאַטור גופא און וועלכע איז דאָס-
רוב פּאַנאַנדערגעוואָרפען אין פערשיעדענע ערטער. דערמיט
קלייבט זי צונויף די פאַבריקען און זאַוואָדען, וועלכע האָבען ביז
איצט געקענט געפינען זיך נאָר ניט ווייט פון אַ וואַסער, אין
איין אָרט, אין די גרויסע שטעט מיט זייערע פערשיעדענע פער-
קעהרס-מיטלען, מיט אַלע זייערע מעלות פאַר דער קאַפּיטאַליס-
טישער ווירטשאַפט. איצט האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען אין איין
אָרט גאַנץ אַנדערע אַרבייטער-מאַסען. איצט ערשט האַפּט אַרום
אַ נאַטירליך אויסגעוואַקסענער בונד ניט נאָר די אַרבייטער פון
איין ווערקשטאַט, אָדער פון איין פאַך, נאָר די אַרבייטער
פון אַלע פאַכען, ווייל שוסטער ווי שניידער, שמידען ווי וועבער—

אלע לײַדען זײַ פון דער זעלבער אָבהײַנגיגקײַט, אַלע עסען זײַ דעם זעלבּיגען טרוקענעם שטיקעל ברויט.

דיזע ענטװיקלונג, װעלכע געהט אין אָנהויב לאַנגזאַם און שװער, הויבט אָן װאָס װײַטער צו פליהען מיט אַלץ אַ גרעסערען אימפעט. װי אַ לאָקאָמאָטיװ מיט אַ'ן איבּערגעהײַצטען קעסעל און מיט צוגליהטע אַקסען. װאָס מעהר דער קאַפּיטאַל פערגרעסערט די פּראָדוקציאָן פון סחורות אַ דאַנק די שטענדיגע טעכנישע פערבּעסערונגען, ניט פערגרעסערענדיג דערבײַ דעם לוין פון די פאָלקס-מאַסען, װעלכע געפינען זיך בײַ איהם אין דינסט — אַלץ בּרײַטער װערט דער תהום צװישען פּראָדוקציאָן און אָבזעץ. אַלץ לײַנגער און שרעקליכער בּושעװען די קריזיסען, פון װעלכע עס ראַטעװען זיך אַרויס נאָר די גרויסע קאַפּיטאַליסטען, בּיז אַ נײַעם שטורם, בּיז צו נײַע קרבנות. די קלײַן-בּעטריעבּען אָבער. װעלכע װאָלטען אַזוי בּיסלעכװײַז פערשװאונדען געװאָרען אין דער קאָנקורענץ געגען דעם גרויס-קאַפּיטאַל, װעלכע זײַ קענען ניט אויסהאַלטען, פאַלען איצט מאַסענװײַז, װי פון אַ דונער געטראָפען. דער קריזיס, װעלכער װערט מיט דער ענטװיקלונג פון קאַפּיטאַל צו אַ שטענדיגער קראַנקהײַט, פערגיכערט דאָס אָבשטאַרבען פון דער קלײַן-פּראָדוקציאָן און שלײַדערט אַרונטער אין די רײַהען פון פּראָלעטאַריאַט אַלץ אַ גרעסערע צאָהל מענשען, װעלכע האָבען אַ מאָל געהערט צו דעם „אויבּען-אָן" פון דער געזעלשאַפט.

װעלכער כּח אויף דער ערד װאָלט זיך אָנגענומען בּײַ אַזעלכע בּעדינגונגען אײַנצוהאַלטען דעם האַסטיגען שטראָם פון דער פּראָלעטאַרישער בּעװעגונג? דאָס, װאָס דער פּראָלעטאַריאַט װאַקסט אַלץ גיכער און גיכער, װערט אַרויסגערופען דורך די מורא'דיג גיכע ענטװיקלונג פון דער גרויס-פּראָדוקציאָן און דורך איהר נצחון איבּער דער אַלטער נעבּעכדיגער קלײַן-פּראָדוקציאָן. דאָס, װאָס דער פּראָלעטאַריאַט אָרגאַניזירט זיך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, װערט נאַטור-

נויטיוענדיג ארויסגערופען דורך אלע לעבענס-אינטערעסען פון פראלעטאריאט און דורך די אלע היינטיגע פערקעהרס-מיטלען. ניט דורך מענשען, ניט דורך א מלאך און ניט דורך א מחבל איז דיזע בעוועגונג ארויסגערופען געווארען, און קיינער פון זיי וועט אויך ניט זיין בכח איהר איינצוהאלטען.

* *
*

און ניט נאר די פערברייטונג און די ארגאניזירונגס-קראפט פון דער פראלעטארישער בעוועגונג, נאר אויך די פערטיעפונג פון איהרע שטרעבונגען, דער גאנצער כאראקטער פון איהרע האנדלונגען און ציעלען, ליגט טיעף איינגעווארצעלט אין די פערהעלטניסען, איבער וועלכע עס קען קיין שליטה ניט האבען אפילו די גרעסטע מאכט.

די ערשטע פראלעטארישע בעוועגונגען — ווען זיי זיינען ניט געוועזען רעאקציאנער, ווען זיי זיינען ניט געווען געווענדעט געגען די מאשינען און טעכנישע ערפינדונגען פון דער נייער צייט, בריינגענדיג דערמיט זיך אליין דעם גרעסטען אונגליק — טראגען נאטירליך א ריין עקאנאמישען כאראקטער. די ארבייטער פון איין ווערקשטאט, פון איין פאך ליידען פון די זעלביגע קלאגעדיגע שבירות. פון דער זעלבער לאנגער ארבייטס-צייט, פון דער זעלבער מאוס'ער בעהאנדלונג; זיי ווילען מיט זייערע פאמיליעס ניט אויסגעהען פון הונגער, זיי ווילען ניט דורך א צו-לאנגע ארבייטס-צייט אלט און קראנק ווערען פאר דער צייט; זיי ווילען האבען פרייע צייט פאר זייערע הויזליכע און כלל-אינטערעסען; זיי ווילען זיין נאר ארבייטס-מענשען, אבער ניט קיין ארבייטס-פיה און שקלאפען. אזוי שטעלען זיי זייערע פארערונגען און פיהרען זייער געמיינזאמען קאמפף פאר העכערע שבירות.

אבער מיט דעם ריין עקאנאמישען קאמפף קענען די ארבייטער, וואס ווייטער אלץ ווייניגער זיך בעגנוגענען.

כל-זמן די פראדוקציאן האט געפאדערט א „ספעציעלע" קענטניס, כל-זמן די האנדווערקערי איז געוועזען א תורה, וועלכע

מען האט געמוזט שטודירען יאהרענלאנג, אזוי לאנג האט דער קאפיטאליסט געהאט די מעגליכקייט צו פערבייטען די שטרייקענדע און די אונצופריעדענע ארבייטער. נאר מיט אזוינע שטודירטע ארבייטער, וועלכע זיינען לפי ערך געוועזען ניט זעהר פיעל, און די צאהל פון וועלכע דער פאבריקאנט האט ניט געקענט פערגרעסערען ווען עס האט זיך איהם נאר פערגלוסט. א דאנק דער הייניגער טעכניק קען מען אלץ מעהר אויסקומען אהן א „ספעציעלער" ארבייטס-קראפט; די מאשינען גופא האבען ביסלעכווייז אנגעהויבען אויפצוטהאן מעכאניש די קינצליכסטע ארבייטען. אויסלעהרנען זיך למשל וועבען, האט אין די אמאליגע יאהרען געדארפט דויערען א לאנגע צייט—איצט אבער קען זיך יעדע דארפס-מיידעל אין צוויי-דריי טעג אויסלעהרנען צו געהען ארום דעם מעכאנישען וועב-שטוהל; אויסטאקען א צילינדער אדער א קויל האט אויך אין די אמאליגע יאהרען זיך גערעכענט פאר א קונץ-שטיק, וועלכע מען האט געדארפט לאנג שטודירען — איצט אבער קען יעדער ארבייטער אויסטאקען אויף דער מעכאנישער דרעה-באנק געשיינר און מיט דער גרעסטער גענויקייט פערשיעדענסטע געאמעטרישע פיגורען. דעריבער ווערט עס דעם קאפיטאליסט אלץ מעהר און מעהר מעגליך ביי א שטרייק אדער ביי א פאדערונג פון העכערע שכירות צו׳בינוצען זיך מיט דער גרויסער צאהל ארבייטסלאזע, צו וועלכען פאך זיי זאלען ניט געהערען, ווייל אין א קורצע צייט קען ער זיי אויסלעהרנען מאכען אלע „ספעציעלע" ארבייטען פון זיין אונטערנעהמונג. די קאנקורענץ-בעדינגונגען אויף דעם ארבייטס-מארק ווערען אלזא אלץ מעהר און מעהר גינסטיג פאר דעם קאפיטאליסט און קלאגעדיג פאר דעם ארבייטער.

דיזע בעוועגונג ווערט נאך פערשטארקט דורך דעם, וואס פרויען און קינדער שפארען זיך צו יעדער ארט ארבייט, ווי באלד די מאשין האט געמאכט פאר איבעריג די פיזישע קראפט פון מאנספארשוין, און פון דער לעבעדיגער פראדוקציאנס-קראפט

ווערט נאָר געפאָדערט אַ'ן אויפמערקזאַמע אויג און געשיקטע פינגער.

אויף אַזאַ אופן וואַקסט שטענדיג די צאָהל פון די אַרבייטער, וועלכע ליגען פאַר זייער אַרבייטס-קראַפט, און אין דער זעלבינער צייט פערקלענערט לפי ערך דער קאַפיטאַל זיין נאָכפרעג, ווייל דורך די פאָרטשרייטענדע אַרבייטס-פעהיגקייט פון די מאַשינען ווערט אַלץ מעהר און מעהר „איינגעשפּאָרט אַרבייט".

אַלע דיזע שלעכטע אומשטאַנדען מאַכען אַלץ שווערער דעם עקאָנאָמישען קאַמפּף, ניט קוקענדיג אויף די אַלץ אויפבליהענדע געווערקשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס, און צווינגען די אַרבייטער צו קעמפּפען פאַר גרינדליכע פערבעסערונגען אין דער פערהעלטניס צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט. מען שטרעבט איינצוהאַלטען די געוואוינענע פאָדערונגען דורך דער געזעצגעבונג, אָהן וועלכער די אַרבייטער וואָלטען צוריק פערלירען זייערע פריהערדיגע נצחונות. דורך געזעצען, וואָס זאָלען זיין גילטיג פאַר אַלעמען, זעהט מען אַרויספצולייגען גלייכע בעגרענצונגען אויף אַלע אונטערנעהמער אין זייער עקספּלואַטאַציע פון אַרבייטס-קראַפט, — וואָלטען ניט געווען דיזע געזעצען. וואָלטען אונפערשעמטע קאָנקורענטען געטריבען די עקספּלואַטאַציע נאָך מעהר ווי איצט. מען זעהט דורכצופיהרען געזעצליכע מיטלען, וועלכע זאָלען אָבהיטען דעם אַרבייטערס געזונד אין דער צייט פון זיין אַרבייט, פערזאָרגען איהם אין דער צייט פון זיין קראַנקהייט און אַרבייטס-אונפעהיגקייט, צום סוף אָבער שטרעבט מען אין גאַנצען צו פערניכטען דעם געגענזאַץ צווישען אַרבייט און קאַפּיטאַל, וועלכער בעשאַפט די גאַנצע נויט פון די אַרבייטער: אַלע פּראָדוקציאָנס-מיטלען זאָלען איבערגעגעבען ווערען די פּראָדוצענטען, אָבער שוין ניט מעהר אין דער אַלטער פאָרם פון צובראָקעלטען פּריוואַטאייגענטהום, וואָס איז געווען מעגליך נאָר אין דער צייט פון קליין-פּראָדוקציאָן, נאָר אַלס געזעלשאַפטליכער אייגענטהום פון דעם אַרבייטענדען פאָלק און פון דער גאַנצער מענשהייט.

דאָס אַלץ זײַנען שטרעבונגען, װעלכע מוזען צום סוף אַרױסטרעטען, אָבער דאָס זײַנען שױן פּאָליטישע אױפגאַבען. דער געװערקשאַפטליכער באָדען װערט שױן צו ענג, אױף דעם באָדען איז ניטאָ קײַן אָרט פאַר דער פערװירקליכונג פון די פּאָליטישע אױפגאַבען. אָט אַזױ געהט טריט בײַ טריט אַריבער דער אַרבײַטער-קלאַס אַלץ מעהר און מעהר צום פּאָליטישען קאַמפף: פון דער געװערקשאַפטליכער בעװעגונג פון פּראָלעטאַריאַט װאַקסט אַרױס די פּאָליטישע בעװעגונג, עס קומט אױף די סאָציאַלדעמאָקראַטיע.

---

IV.

מיר האָבען געזעהען, װי די פּראָפעסיאָנעלע און פּאָליטישע בעװעגונג פון פּראָלעטאַריאַט שטאַמט אַרױס פון די עקאָנאָמישע איבערקעהרענישען פון אונזער צײַט, װי מיט דער ענטװיקלונג פון קאַפּיטאַליזם מוז די סאָציאַלדעמאָקראַטיע אױפהױבען איהר קאָפּ געגען די אַלטע בורזשואַזע פּאַרטײען.

אױך די געגנער פון פּראָלעטאַריאַט הױבען דאָס אָן מודה צו זײַן װאָס װײַטער אַלץ מעהר; די העכסטע איבערפלעכליכע און פּוסטע מײנונג, אַז דיזע „אונבעקװעמע" נײַע פּאַרטײ װאַקסט ניט אַרױס פון לעבען גופא, נאָר איז בעשאַפען געװאָרען קינסטליך, אַז זי װאָלט ניט אױפקומען און װאָלט קײַן קיום ניט געהאַט, װען ניט די פאַלשע פּאָליטיק פון „אױבען" — אַזױ טענה'ן אָפט די ליבעראַלען—אָדער די העצערײַען פון אונטען—װי עס װילען אײַנשמועסען אַלע מינים רעאַקציאָנערען זײערע אָנהײנגער—אָט דיזע מײנונג פערשװינדט װאָס װײַטער אַלץ מעהר.

אױב אַלזאָ יעדער מענש מיט אַ פּאָליטיש שאַרפען בליק רעכענט זיך שױן הײַנט מיט דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, װי מיט אַ נױטװענדיגקײַט, האָט מען דאָך מעהרסטענטײלס נאָך גאָר אַ שװאַכען בעגריף דערפון, װי װײַט די אײזערנע סאָכע

פון דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג האָט שוין אויפגעאַקערט דעם פעלד פאַר׳ן סאָציאַליזם, אַזוי, אַז עס איז גענוג א וואַרעמער זונענשטראַהל, אום זיינע קערנער זאָלען אויך דאָרטען געבען זאַנגען, וואו די בורזשואַזע פּאַרטייען האָבען נאָך עד היום אַ׳ן ערפאָלג.

נאָר איבערהויפּט לאָזט נאָך איין פאַלשע מיינונג ניט ריכטיג אָפּשאַצען די שאַנסען, וועלכע דער סאָציאַליזם האָט אין דער צוקונפט.

דער טעות בעשטעהט דערין — ווייל, נאַטירליך, פריהער פאַר אַלעמען האָט זיך אָרגאַניזירט עקאָנאָמיש און פּאָליטיש דער פאַבריק־פּראָלעטאַריאַט פון די אינדוסטריע־צענטרען — וואָס מען האָט זיך צופיעל צוגעוועהנט צו בעטראַכטען די סאָציאַלדעמאָקראַטיע נאָר ווי אַ׳ן „אַרבייטער“־פּאַרטיי, פערשטעהענדיג אונטער „אַרבייטער“ אויסשליסליך די „האַנד“-אַרבייטער פון פאַבריק.

אויב דאָס וואָלט געווען ריכטיג, דאַן וואָלט דער סאָציאַליזם פאַר זיין ענטוויקלונג געהאַט אַ סך ענגערע גרענעצען, ווי די מעשה קומט פאָר אין דער אמת׳ן. די אומשטאַנדען, אונטער וועלכע דער סאָציאַליזם ענטוויקעלט זיך, זיינען פון איין זייט גאָר ניט אַזוי איינפאַך, און פון דער אַנדער זייט זיינען זיי אַ סך גינסטיגער, און ווייל מען קען אָפט געפינען שוין לאַנג אָבגעלעבטע מיינונגען איבער דיזע פראַגע אפילו אין יענע קרייזען, וועלכע אינטערעסירען זיך מיט איהר מעהר, דאַרפען מיר דערביי לענגער אָבשטעלען זיך. דאָס, וואָס עס איז שוין ביז איצט געזאָגט געוואָרען — בעווייזט גענוג קלאָהר, ווי פאַלש דיזע מיינונג איז.

ווען און ביי וועלכע בעדינגונגען ווערען אַלזאָ בעשטימטע פאָלקס־שיכטען צייטיג און פעהיג אָנצונעהמען די סאָציאַליסטישע לעהרע?

אז ניט די פיזישע ארבייט איז פארבעשטימט דערצו, דאס איז קלאר פון דעם אלעס, וואס מיר האבען שוין פריהער געזאגט. דער מייסטער אין דער קליין=פראדוקציאן פון די אמאליגע פעאדאלע צייטען האט אויך געארבייט, ווי מיר האבען נעזעהען, פיזיש: ער האט געגראבען און געבויט, געשפינט און געוועבט, געקלאפט און געטאקט, אבער עס וואלט געוועזען לעבערליך, ווען מען וואלט איהם געוועלט, אפילו בשעת ער איז נאך געוועזען א פועל, נעווינען פאר דעם סאציאליזם, ווייל ער איז געוועזען ניט נאר א האנד=ארבייטער, נאר אין דער זעלבער צייט אויך בעזיצער און דעריבער איז ער ניט זיין גאנצען לעבען געוועזען עקספלואטירט. פארקעהרט, דער זעלביגער שפינער, וועבער, שמיעד אדער טאקער איז גלייך אויעק מיט דעם „נייעם וועג", ווי נאר ער איז געווארען בעזיצלאז, ווי נאר ער איז געווארען אבהייגניג פון א בעשטימטער פארם פון עקספלואטאציע. די פיזישע ארבייט איז דא געוויס ניט די אורזאכע, זי קען דעם מענשען מאכען פונקט אזוי גוט פאר דעם געדולדיגסטען רעאקציאנער, ווי פאר א קעמפפענדען סאציאלדעמאקראט; נאר די אויבענדערמאנטע בעשטימטע פארם פון דער סאציאלער אבהייגיגקייט בעשאפט דעם מענשען-מאטעריאל, פון וועלכען די סאציאלדעמאקראטיע רעקרוטירט און פון וועלכען זי קען אויך אויף ווייטער רעקרוטירען איהרע אנהייגנער. דיזע פארם פון אבהייגיגקייט האט אבער אין עצם גאר קיין שייכות ניט מיט דער פיזישער ארבייט אדער אפילו נאר מיט בעשטימטע צווייגען פון איהר. מען דארף גאר ניט ווערען שווארץ ווי א קוימענקעהרער אדער אין גאנצען פערשטויבט, מען דארף גאר ניט קלאפען מיט דעם האמער אדער ארבייטען מיט דער פייל, כדי מען זאל קענען עקספלואטירט ווערען. עס איז פון אנהויב אן קלאר, אז מען קען, פונקט אזוי ווי די האנד-ארבייטער, עקאנאמיש אבהייגניג און עקספלואטירט ווערען ווען מען פיהרט די ביכער און די חשבונות אין א קאנטאר, אדער ווען מען צייכענט מוסטערען,

אָדער וועןמען שרייבט ראָמאַנען, אָדער ווען מען טהוט וועלכע עס איז אַנדערע „גייסטיגע“ אַרבייטען.

וואו די האַנד אַרבייטער זיינען צוגעשטאַנען און שטעהען צו צום סאָציאַליזם, קומט עס פאַר צוליעב דעם און אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל זיי זיינען אונטערגעוואָרפען געוואָרען אַ בעשטימטער פאָרם פון אָבהייניגקייט און עקספּלואַטאַציע; די זעלבע זאַך קען אָבער פאָרקומען אויך מיט די אַלע אַנדערע צווייגען פון דער מענשליכער טהעטיגקייט און מיט אַ טייל פון זיי איז דאָס שוין טאַקי פאָרגעקומען.

דאָס וועט אונז קלאָר ווערען ווי דער טאָג, ווען מיר וועלען נאָך אַ מאָל בעטראַכטען דעם עיקר פון דער היינטיגער, פון דער קאַפּיטאַליסטישער, ווירטשאַפטליכער אָבהייניגקייט פון איין מענשען צום צווייטען.

אין וואָס איז דער אונטערשיעד צווישען דעם סאָציאַליסטיש געזאָנענעם פאַבריק-וועבער און זיין שטילינקען און צופריעדענעם חבר פון די אַמאָליגע יאָהרען? ווי מיר האָבען שוין בעוויזען: פריהער פון אַלץ אין זיין בעזיצלאָזיגקייט אין דעם, וואָס ער איז פאָלשטענדיג אָבגעטיילט געוואָרען פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, וועלכע זענען דורכאויס נויטיג צום וועבען און וועלכע ער קען געפינען נאָר אין דער פרעמדער ריעזען־פאַבריק. דיזע בעזיצלאָזיגקייט, דיזע אָבגעריסענהייט פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, צווינגען איהם — און דאָס איז די הויפּטזאַך אין זיין פּאָליטישער און עקאָנאָמישער לאַגע — אַריינצוטרעטען אין דיענסט צו אַ פרעמדען, ווערען אָבהייניג פון דעם בעל־הבית פון פאַבריק און פּראָדוקציאָנס־מיטלען; זי צווינגט איהם אויך אָנצונעהמען פאַר ליעב די קלאָגעדיגסטע שכירות פאַר זיין אַרבייט, אַבי די נשמה צו דערהאַלטען, און אָבצוגעבען, אַלס פּראָצענט דעם קאַפּיטאַל, דעם גאַנצען מעהרווערטה, וועלכער ווערט בעשאַפען דורך דעם, וואָס ער ערהאַלט פאַר זיין אַרבייט אַ סך ווייניגער, וויפיעל זיין אַרבייטס־פּראָדוקט טרעפט אָן. זי בריינגט איהם מיט איין וואָרט, דערצו, אַז ער ווערט

עקספּלואַטירט, און דאָס טרײַבּט איהם צו פעראײניגען זיך מיט זײַנע חברים, וועלכע לײַדען פון די זעלבּיגע צרות, דאָס טרײַבּט איהם אין דעם עקאָנאָמישען קאַמפף פאַר בּעסערע לעבּענס־בּע־דינגונגען און צום סוף צווינגט דאָס איהם צו פאָדערען, אַז די פּראָדוקציאָנס-מיטלען זאָלען איבּערגעגעבּען ווערען די פּראָדו־צענטען, כּדי זיי זאָלען מעהר ניט דאַרפען צאָהלען אַלץ אַ גרע־סערען צינז דעם קאַפּיטאַל און שטענדיג געפינען זיך אין אַ יסורים׳דיגער אָבּהענגיגקײַט פון פּריוואַטעלעגירטע יחידים.

די זעלבּע אָבּטײלונג פון בּעזיץ און אַרבּײַט, איבּערהויפּט דער זעלבּער צינז, וועלכען דער אײגענטהימער נעהמט פאַר זײַן פערמעגען, די זעלבּע אָבּהענגיגקײַט און עקספּלואַטאַציע קוסט פאַר ניט נאָר אין דער האַנד-אַרבּײַט־פּראָדוקציאָן, נאָר אויך אין גאַנץ אַנדערע געבּיעטען; זי פערבּאַפּט שטענדיג נײַע פלעצער און אומעטום, וואו זי כאַפּט זיך אַרײַן, גרייט זי צו דעם בּאָדען פאַר דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע. אויף וואָסער ווינקעל מען זאָל ניט וואַרפען אַ׳ן אויג, זעהט מען דאָס לרוב און קלאָר.

וועלכע אומענדערונגען האָט דורכגעמאַכט למשל דער סוחר׳שער פאַך אין די לעצטע צעהנדליגער יאָהרען!

דער קרעמער פון די אַמאָליגע צײַטען, וואָס שטאַרבּט אָב פון טאָג צו טאָג, איז געווען אין דער זעלבּיגער לאַגע ווי דער קלײן־האַנדווערקער. פריהער האָט ער געמוזט אַ לאַנגע צײַט געפינען זיך אין דער „לעהרע", ווײַל אַלס אַ צוקונפטיגער קרע־מער, וועלכען עס וועט אויסקומען אַלץ אַלײן צו טאָהן, האָט ער געדאַרפט מיט אַלץ זײַן בּעקאַנט: אײַנקויפען, צורעכטען, פערקויפען, פיהרען די קאָרעספּאָנדענץ און די בּיכער, דערפאַר אָבּער איז זײַן לאַגע אַלס משרת געווען מעהר אָדער ווייניגער בּעוואָרענט: די קאָנקורענץ איז געווען בּײַ אַזעלכע בּעדינגונגען, פערשטעהט זיך, ניט גרויס, ווײַל עס איז געווען אַ נאָכפראַגע נאָר אויף „געלערענטע" אַרבּײַטס־קרעפטען. אַזוי פלעגט ער קענען מיט זײַנע אָבּשפּאָרונגען מאַכען אַ׳ן אײגענע קלײנע קרע־מעל, וועלכע פלעגט מיט איהרע קלײנע מיטלען צוציהען גיך

א פעסטע צאָהל קונדען פון דער שכנ'שאַפט און פלעגט בּע־פריַיען איהר בּעל־הבּית — ניט פון אַרבּיַיט, אָבער פון יעדער זאָרג אויף להבא.

דער משרת בּיַים סוחר אין די היַינטיגע ציַיטען—פּונקט ווי אין זיַין ציַיט דער אינדוסטריע־אַרבּיַיטער — פערשטעהט דעם געשעפט נאָר איינזיַיטיג, ניט ווי זיַין חבר פון די אַמאָליגע יאָהרען, וועלכע פלעגען פערשטעהען זיַין עסק פיעל־זיַיטיג, ער פיהרט אפשר די קאָרעספּאָנדענץ, אָבער ער פערשטעהט גאָר ניט אין די בּיכער; פיהרט ער די בּיכער, ווייס ער גאָר ניט, וואָס עס טהוט זיך מיט דעם איינקויפען און פערקויפען פון די סחורות; איז ער א ריַיזענדער, פערשטעהט ער גאָר ניט אין די איבּעריגע זאַכען פון געשעפט; אַלס פערקויפער, האָט ער גאָר ניט צו טהאָן מיט דעם איינקויפען, מיט דער קאָרעספּאָנדענץ און מיט די בּיכער; יאָהרענלאַנג שטעהט ער אפשר אין א קאָפּע־געשעפט אָדער אין אַ'ן אַנדער ספּעציעלען געשעפט, די גאַנצע ציַיט וועגט ער די זעלבּע סחורה און גיט איהר איבּער שטענדיג מיט דער זעלבּי־גער פריַינדליכער מינע דעם קונה. אפילו לעזען, שריַיבּען און רעכענען דאַרף ער שוין אויך ניט קענען צו זיַין אַרבּיַיט, וויַיל בּיַי דער קאַסע נעבּען טיר זיצען „ספּעציעלע" מענשען, וועלכע דאַרפען נאָר פערשטעהען געלד אָבּצונעהמען און אַרויסצוגעבּען רעשטע. עס איז קלאָר, אַז צו אַזעלכע איינפאַכע אַרבּיַיטען קען מען גיך אויסלעהרנען יעדען אַרבּיַיטסלאָזען, — אַלץ איינס, צו איז ער פריהער געווען אַ „סוחר" אָדער ניט, — אַז דעריבּער וואַקסט שטענדיג די קאָנקורענץ צווישען די, וועלכע זוכען שטע־לען, און דעריבּער איז אויך דער לוין געוואָרען אַ סך א קלע־נערער.

און אין דער זעלבּער ציַיט האָט זיך דער געשעפטס־אַפּאַ-ראַט אַלץ ריַיכער און גלענצענדער ענטוויקעלט. אומעטום, וואו עס געהען דורך די הויפּט־אָדערען פון דעם שטאָטיגען פערקעהר, ציהען זיך ריַיך אויסגעפּוצטע מורא'דיגע געשעפטען, מאַגאַזינען און קראָמען, וועלכע נעהמען אָבּ אַלץ מעהר און מעהר די

קונדען בײַ די קלײנע קרעמער פון די אַרומיגע גאַסען און קװאַר־טאַלען. גאָרנישט קענענדיג מאַכען, פערשװינדט דער קלײן־מסחר פון פלאַץ אָדער ער מאַטערט זיך צװישען לעבען און טויט ביז ער בעקומט ניט—אַ מאָל איבער דעם טויט פון דעם פריהערדי־גען בעל-הבית, אַ מאָל איבער אַ באַנקראָט און ליקװידאַציע — נאַטירליך אָדער אוננאַטירליך זײַן סוף. נײַע געשעפטען װערען געעפענט נאָר אין דעם פאַל, װען זײ קענען פון אָנהױב אָן אויף׳ן גרויסען שטײגער געפיהרט װערען. אויך דאָ װערט גיך נאָר דער גרויסער קאַפּיטאַל אַלײן קאָנקורענץ-פײַהיג און דערי־בער װערט שוין פון די צוקונפטיגע האָפנונגען פון די געשעפטס-משרתים אַש און רויך. זײ קענען שוין מעהר ניט קלערען צו װערען בעלי-הבתים פאַר זיך, װײַל די צוטײלונג פון דער אַרבײט און דעם סוחר׳שען גרויסבעטריעב מאַכט שוין אַלץ מעהר און מעהר איבעריג די פּועל-זײַטיג געניטע אַרבײַטס־קראַפט, פערגרעסערט די צאָהל פון די, װעלכע זוכען שטעלען, און פער־קלענערט דורך די קאָנקורענץ דעם לוין.

דערמיט אָבער װערען בעשאַפען די זעלבע געגענזאַצען אין די אינטערעסען, װי אין דער אינדוסטריעלער גרויס־פּראָ־דוקציאָן: פון איין זײַט דער קאַפּיטאַליסט, װעלכער אַרבײַט ניט. װעלכער לעבט פון דער עקספּלואַטאַציע פון פרעמדער אַרבײַטס־קראַפט, און װעלכער װענדט אָן אַלע מיטלען דיזע עקספּלואַטאַציע צו פערגרעסערען, — פון דער אַנדער זײַט די בעזיצלאָזע בלויזע אַרבײַטס־קראַפט, װעלכע מוז דורכפיהרען דעם גאַנצען לעבען אין אָבהײנגיגקײַט און װעלכע בעקומט פאַר אַלע איהרע אַרבײַטען, װאָס ברײנגען אײן אַזאַ גרויסען פּראָפיט, די קלאָגעדיגסטע שכירות, כדי נאָר די נשמה צו ערהאַלטען; דעריבער אָבער װערט אויך דיזע אַרבײַטס־קראַפט געטריבען צו דעם געמײנזאַמען קאַמפּף פאַר העכערע שכירות, כדי אין גאַנצען ניט אומצוקומען פון דער עקספּלואַטאַציע פון קאַפּיטאַל— און צום סוף װערט זי געצװונגען אַרויסצושטעלען ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע פאָדערונגען, אום דיזע עקספּלואַטאַציע מיט דער צײַט אין גאַנצען צו פערניכטען.

אין די אַנדערע פאַכען קומט פאַר די זעלבע געשיכטע, דער רעסטאָראַציאָנס-געשעפט, למשל, איז נאָך ביז ניט לאַנג אומעטום געווען ניט גרויס. דער צימער פאַר די געסט איז ניט געווען אויסגעפּוצט און האָט אויסגעזעהען ווי אַ פּשוט'ע דירה, נאָר אַ ביסעלע גרעסער, וואו פון צייט צו צייט פלעגען זיך רעגעלמעסיג צונויפקומען פריינד און שכנים; דער בעל-הבית איז צו גלייכער צייט געווען די הויפּט-אַרבייטס-קראַפט; ער פלעגט צייטענווייז אַליין ברויען ביער, איינקויפען אַלץ, צוגרייטען דעם קעלער און אַליין בעדינען די געסט. ער האָט דעריבער געמוזט אין זיינע יונגע יאָהרען דאָס אַלץ אויסלערנען זיך צו טאָהן. און דאָס אַלץ פערשטעהט אויך צו טהאָן זיין משרת, וועלכער קען דעריבער ניט ווערען אַזוי לייכט פערבי־טען דורך אַ וועלכען עס איז אַנדערען, און וועלכער האָפט אין גיכען צו ווערען זעלבסטשטענדיג און אַבעל-הבית פאַר זיך. אין היינטיגע צייטען ווערט אויך אין דיזען פאַך דער געשעפט געפיהרט גרויס. די קליינע שענקען פערלירען זייערע געסט און נאָר דער אויסשטאַרבענדער אַלטער דור, וועלכער ווערט פון טאָג צו טאָג ווינציגער, פערבלייבט נאָך טריי זיי און דער אַלטער געוואָהנהייט. די גרויסע ביער-הייזער מיט די גרויסע ליכטיגע צימערן, מיט די רייך געפּוצטע זאַלען, האָבענדיג די מעגליכ־קייט, אַ דאַנק דעם גרויסען פערקויף, צו ליפערן פאַר ביליגע פרייזען די בעסטע געטראַנקען און מאכלים, ציהען צו זיך צו די געסט, ווי מיט אַ מאַגנעט.

איצט אַרבייט שוין דער בעל-הבית ניט; ער האָט אפשר גאָר קיין מאָל אין לעבען קיין שום עסק ניט געהאַט מיט קיין רעסטאָראַציאָן—דאָס זיינען דאָס רוב שוין אַקציען-געזעלשאַפטען, אַקציען-ברויערייען, וועלכע ליגען אַריין אין דעם געשעפט זייער געלד און שטרעבען צו ציהען ריוח, אויספיה־רענדיג די גאַנצע אַרבייט דורך געדונגענע מענ־שען, וועלכע זיינען, מיט קליינע אויסנאַהמען, קלאָגעדיג בע-

צאָהלטע שכירות־אַרבײַטער, פון וועלכע יעדער איז פערנומען מיט אַ בעזונדער מין אַרבײַט. אייניגע פון זיי פערברענגען זייער גאַנצען לעבען בײַ דער אַרבײַט אין קיך און אין קעלער; זיי פוצען און שאָבען, האַקען און קנעטען, וואַשען און קאָכען. דער קעלנער אין רעסטאָראַן ווייס גאָר ניט, ווי מען דאַרף צו-גרייטען די פערשיעדענע מאכלים און געטראַנקען; ער האָט נאָר אײן אַרבײַט: פאַנאַנדערטראָגען דאָס די געסט, און, קענענדיג דעריבער פערבײַטען ווערען דורך יעדען פלינקען יונגען מאַן, איז ער צופריעדען שוין דערמיט, ווען ער פערדיענט אויף זײַן קאַרגע הוצאה. בעקומענדיג מעהרסטענטיילס זײַן פערדיענסט אין דער ערנידעריגענדער פאָרם פון „טרינק־געלד". עס טרעפט זיך אפילו אָפט, אַז דאָס אָברעכענען זיך מיט די געסט געהערט צו אַ „ספּעציעלען" קעלנער, און אויף אַזאַ אופן איז יעדער מענש אין דיזען געשעפט געוואָרען נאָר אַ טייל פון דעם אַמאָ־ליגען פיעל־זײַטיגען רעסטאָראַציאָנס־משרת. ווי קען דיזער אָרע־מער און אונגעלערענטער „דיענסט-פּערסאָנאַל" וועלען ווען עס איז ווערען זעלבסטשטענדיג, אַז צו דעם געשעפט דאַרף מען האָבען אַ גרויסען קאַפּיטאַל און זײַן פרנסה איז אַזוי קליין געוואָרען? אויך דיזע מענשען זײַנען אַלזאָ פּראָלעטאַריער, וועלכע מוזען זייער גאַנצען לעבען פערדיענען נאָר פון זייער בלויזער אַרבײַטס-קראַפט און זײַן אָבהייניגיג פון פרעמדען אייגענטהום, און דערי־בער ווערען זיי געטריבען פריהער אין דעם קאַמפּף מיט'ן קאַפּיטאַל פאַר העכערע שכירות און צום סוף שטעלען זיי אַרויס סאָציאַליסטישע פאָדערונגען, כדי צו פערניכטען אין גאַנצען די אָבהייניגקייט פון קאַפּיטאַל און אייגענטהום.

אָבער אויך דאָרט, וואו די אַרבײַטס־קראַפט איז ניט קאָנ־צענטרירט אויף דעם אויבען געשילדערטען אופן אין אַ גרויסען פּרעמדען פּראָדוקציאָנס־אַפּאַראַט, זײַנען שוין לאַנג ענטוויקעלט די זעלבע בעדינגונגען פון עקספּלואַטאַציע און דעריבער אויך די זעלבע אינטערעסען־געגענזאַצען, וועלכע טרײַבען דעם אונ-

טערדריקטען טייל און קאמפף געגען אייגענטהום און צו פער־
איינינונג מיט דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע.

ווי אָפט האָבען מיר געהערט, מיט וואָס פאַר אַ גאוה די
בורזשואַזיע ווייזט אָן, אַז די סאָציאַלדעמאָקראַטיע קען קיין
ערפאָלג ניט האָבען, ווייל ווי אַ'ן אייזערנע פעסטונג שטעהט
געגען איהר ענטוויקלונג דער אַלץ מעהר און מעהר זיך פער־
ברייטענדער קליינבעטריעב. נאָר וואָס פאַר אַ זעלבסט־פערבלענ־
דונג ליגט אָבער אין דיזער מיינונג שוין בנוגע צו די היינטיגע
צייטען און נאָך מעהר בנוגע צו דער צוקונפט?

אַקוראַט ווי די האַנד־אַרבייט ציהט ניט צו פון זיך
אַליין קיינע אָנהייגער צו דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, אַזוי איז
אויך דער קליינבעטריעב ניט קיין צוים געגען דער סאָציאַל־
דעמאָקראַטיע. געשיצט איז געגען דעם סאָציאַליזם — ווי מיר
האָבען שוין פריהער ערקלערט — נאָר דער עקאָנאָמיש אונאָב־
הענגיגער קליינבעטריעב, וועלכער האָט זיינע אייגענע „קונדען",
וועלכער האָט אָבער ניט איבער זיך פאַר אַ בעל־הבית דעם קאַ־
פיטאַליסט, „דעם אַרבייטס־געבער", דיזען אונאָבהייגיגען קליינ־
בעטריעב געהערט דער גאַנצער פראָדוקט פון זיין אַרבייט; ער
ווערט אַלזאָ ניט עקספּלואַטירט. ווי פיעל אַזעלכע קליינבעטריע־
בען זיינען אָבער דאָ אין דער אמת'ן ביי היינטיגע צייטען?
אמת, ביי זיך אין שטוב, אין די קליינע ווערקשטאַטען, אַרביי־
טען הונדערטער טויזענדער מייסטערלעך און פראָדוצענטען; אויך
זייער ווערקצייג: דער וועב־שטוהל, די ניי- און שטיק־מאַשין,
דער הובעל, דער פרעס, די דרעה־באַנק—איז זייער אייגענטהום,
אָבער ניט אַלע פּראָדוקציאָנס־מיטלען זיינען נאָך זייער
אייגענטהום; די פאָדים צום וועבען, די צייג, דער ליינוואַנד
צום נייען, די ברעטער צום הובלען, שניידען, טאָקען און פּאָ־
לירען, די לעדער צו נייען שיך, שטעלט זיי צו, פונקט אַזוי,
ווי די אַרבייטער אין פאַבריק, דער גרויס־קאַפּיטאַליסט, אָבער
אפילו די קליינבעטריעבען, וועלכע זענען בכח צוזושטעלען פאַר־

טיגע סחורות, בענוצען זיך אויך ניט מיט דעם פּראָדוקט פון זייער אַרבייט, ווייל דער אָבזאַץ פון די סחורות קען נאָר פאָרקומען אין אַזאַ גרויסען מאַסשטאַב, אַז די קליינע פּראָדוצענטען האָבען דערצו קיינע מיטלען ניט. דעריבער מוזען זיי ווערען שקלאַפען ביי די מאַגאַזינען, גרויסע האַנדעלס-הייזער און עקספּאָרט-געשעפטען, וועלכע זיי שטעלען צו זייערע פּראָדוקטען. פונקט אַזוי, ווי דער בעזיצער פון דער בלויזער אַרבייטס-קראַפט האָט געמוזט אַריינטרעטען אין דיענסט צום גרויס-קאַפּיטאַל, ווייל ער האָט ניט געהאַט קיין פּרדוקציאָנס-מיטלען; אַזוי מוז דאָס אויך טהאָן דער בעזיצער פון אַרבייטס-קראַפט און פון צו ווינציג פּראָדוקציאָנס-מיטלען, און אויך ביי איהם, דעם הילפסלאָזען, נאַרט אויס דער מעכטיגער קאַפּיטאַליסט דעם פּראָדוקט פון זיין אַרבייט. אָב'פּטר'ענדיג איהם מיט דעם קלאָגערינסטען לוין. זעהר אָפט ענטוויקלען זיך געראַדע דאָ די גיפטיגסטע פאָרמען פון עקספּלואַטאַציע. אויך אין פאַבריק האָט דער קאַפּיטאַליסט געגעבען די קלאָגעדיגסטע שכירות אויף חיונה דעם וועבער, דעם שניידער, דעם שוסטער א. ז. וו., אָבער ביים פאַבריק-בעטריעב האָט ער דאָך געמוזט רעכענען זיך מיט די בעשרענקונקען אין דער אַרבייטס צייט און לוין-אַראָבדריקונג, וועלכע זיינען געוועזען איינגעפיהרט דורך אַ געזעץ אָדער דורך געווערקשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס; און ווען דער קאַפּיטאַל לאָזט ניט אַרבייטען זיינע שקלאַפען אין זייערע וואָהנונגען, נאָר ער קלייבט זיי צונויף ביי זיך אין פאַבריק, דאַן דאַרף ער טראָגען די הוצאות אויף דירה-געלד, בעהייצונג, בעלייכטונג, ווערקצייג, קליינע מאַשינען; ער דאַרף טראָגען דעם היזק, ווען סחורה ווערט אַ מאָל איבערגעפיהרט. ער מוז ליידען, ווען די אַרבייט שטעלט זיך אַ מאָל אָב. איצט קומט עס אָבער אַלץ אָן דעם קליין-מייסטער. און ווייל די הויז-פּראָדוצענטען זיינען צוזייט און צושפּרייט, מאַכט דאָס שווער ביי זיי יעדע אָרגאַניזירונג, דריקט אַראָב זייער לוין ביז צו דעם קלענסטען גראַד, פערלענגערט זייער אַרבייטס-צייט אָהן אַ שיעור און צוזאַמען מיט דעם לאָזט

דאָס בליהען פערשידענע אַרטען פון וואָכער און שווינדלערייַ מיט וועלכע די פאַבריק-סיסטעם האָט שוין לאַנג ניט צו טהאָן, אָדער מיט וועלכע זי האָט גאָר קיין מאָל ניט געהאַט צו טהאָן. די, וואָס זענען בעשעפטיגט אין אַזעלכע קליינבעטריעבען, זיינען דעריבער ניט מעהר ווי פּראָלעטאַריער, און אָפט לעבט זיך זיי נאָך אַ סך ערגער, ווי די פּראָלעטאַריער אין פאַבריק. ניט קוקענדיג אויף זייער כּלומרשט'דיגען בעזיץ, וועלכער איז איצט ניט מעהר, ווי אַ לאַסט, וואָס מאַכט שווערער זייער עקסיסטענץ—שטעהען זיי אין דעם זעלביגען אינטערעסען-געגענזאַץ, ווי די פאַבריק-אַרבייטער, צום קאַפּיטאַל, וועלכער עקספּלואַטירט זיי, און דעריבער מוזען זיי אַריינטרעטען אין דעם פּראָפעסיאָנעלען קאַמפּף פאַר אַ בעסערע עקסיסטענץ; כּדי זיך אָבער אין גאַנצען צו בעפרייען, מוזען זיי שטרעבען צו אַ סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָדוקציאָן.

ניט אַנדערש איז אויך מיט די הונדערטער טויזענדער קליינע לאַנדווירטשאַפטליכע פּראָדוצענטען, וועלכע זיינען ניט קיין טאָג-לוינער. די גרויסע איבערקעהרעניש אין אַלע לעבענס-פערהעלטניסען איז מעהרסטענטיילס אויך דאָ פאָרגעקומען ניט אויף אַזאַ אופן, אַז דער קאַפּיטאַל האָט אַריינגעכאַפּט די גאַנצע ערד און עקספּלואַטירט די אַמאָליגע קליין-בויערען, אַלס זיינע לוין-אַרבייטער. אָבער, פערלייענדיג דעם קליין-בויער געלד, אויסזייגענדיג איהם אַלס הענדלער, ליפערַאַנט און אויפקויפער, האָט דער קאַפּיטאַל שוין לאַנג איהם אַזוי פערשקלאַפט, אַז זיין לעבען איז אַ סך קלאָגעדיגער, ווי דער לעבען פון די פאַבריק-פּראָלעטאַריער, און ביי וועלכער אַרבייט? אָרגאַניזירטע אַרבייטער וואָלטען זיך באַלד דערשלאָגען בעסערע אַרבייטס-בעדינגונגען, אָבער דער פער'עקשן'טער בויער לייגט אויף זיך אַרויף אַלץ מעהר אַרבייט, האָפענדיג, אַז, וואָס מעהר ער וועט אַרבייטען, אַלץ מעהר וועט איהם אָנקומען, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די גאַנצע פּרנסה קומט אַריין אין די

קעשענעס פון קאַפּיטאַליסט. עס זיינען נאָך היינט דאָ גאַנצע געגענדען, וואו עס געפינען זיך לויטער קליין-בויערען; דער קאַפּיטאַליסט וואָלט אָבער קיין מאָל ניט געקענט פון זיי אַזוי פיעל אַרויספּרעסען, ווען ער וואָלט אויפקויפען דעם גאַנצען שטח לאַנד און איועקשטעלען די בויערען אַלס שכירות-אַרבייטער בכלל זעהען מיר אויך דאָ, אַלזאָ, דעם אינטערעסען-געגענזאַץ צווישען דעם עקספּלואַטירענדען קאַפּיטאַל און דער עקספּלואַ-טירטער אַרבייט, נאָר דאָ וואַרפט זיך דאָס ניט אַזוי אין די אויגען, ווייל די עקספּלואַטירטע אַרבייטס-קראַפט האָט נאָך דאָ, — פונקט אַזוי, ווי אין דער הויז-אינדוסטריע — אַ כלומרשט'דיגען שטיקעל אייגענטהום, וועלכער ברינגט איהר אַלליין שאָדען, דעם קאַפּיטאַל אָבער נאָך אַגרעסערען ריוח. אָבער ווי לאַנג דאָס זאָל ניט דויערען, וועלען צום סוף אויך די זעלבע שיכטען ניט טראָגען לייַנגער אויף זייערע געדולדיגע רוקענס די בלוטזויגער און וועלען צושטעהן צו דער פּאַרטיי, וועלכע זאָגט זיי צו בעפרייאונג פון יעדער עקספּלואַטאַציע! זיי וועלען צושטעהן צום סאָציאַליזם!

דעריבער שטעהען פאָר די אַלטע פּאַרטייען נאָך גאַנץ אַנדערע, פיעל שרעקליכער קלעפּ, אַלס די, וועלכע זיי האָבען ביז איצט בעקומען, אַ דאַנק דער גיכער ענטוויקלונג פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע. די סאָציאַלדעמאָקראַטיע וועט אַלץ מעהר און מעהר אַריינדרינגען אין אַזעלכע קרייזען, וועלכע זיינען פאַר איהר ביז איצט נאָך פערשלאָסען, אָדער יועלכע פער-האַלטען זיך צו איהר זאָגאַר פיינדליך, זי וועט צוציהען צו איהר פאָהן צעהנדליגער טויזענדער דאָרטען, וואו היינט געהען נאָך איהר נאָך נאָר הונדערטער און טויזענדער.

און אויך גאַנצע מחנות פון ווייטזיכטיגע גענערעלער און אָנפיהרער וועט די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג ווי פון דר'ערד בעַ-שאַפען דורך די געפעהרליכסטע ערשיינונג פאַר דער בורזשואַזער קולטור-וועלט פון די היינטיגע צייטען: דורך די פּראָלעטאַ-ריזירונג פון דער אינטעליגענץ.

ווי לאַנג איז די צײַט, ווען די געבילדעטע און גע-שטודירטע האָבען אַ פּנים געהאַלטען דעם צר פון די קאַ-פּיטאַליסטען, פון די פערמעגענדע. ווער עס האָט אַ מאָל גע-האַט דעם גליק דורך יחוס, דורך אַ צופאַל אָדער דורך אַייזערנע ענערגיע אַרײַנצוטרעטען אין די קלײנע צאָהל פון די „יחידי סגולה", פאַר וועלכע עס זײַנען געווען אָפען די אוצרות פון דער הײַנטיגער בילדונג, דעם, האָט מען גערעכענט, ווען שוין ניט אויסקומען צו לײַדען נויט און פיהרען אַ קאַמפּף פאַר'ן לעבען, ווי דאָס קומט אויס דעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס אַרבײַט פיזיש; ער האָט געהערט צו די „פּני" פון דער געזעלשאַפט, און אויב ער איז ווען עס איז אַראָבגעפאַלען פון דיזער הויכער שטופע, אָדער אויב ער האָט איהר גאָר קײן מאָל ניט דערגרייכט. איז ער אַליין געווען דערין שולדיג: מן הסתם איז ער געווען, וואָס דער עולם רופט אָן אַ „שלימזל'ניק" אַ מענש, פון וועלכען עס וואָלט געקענט זײַן עטוואָס בעסערס, פון וועלכען עס איז אָבער גאָר ניט געוואָרען איבער זײַן שוואַכען כאַראַקטער.

הײַנט האָבען מיר הונדערטער און טויזענדער אָרעמע טעכניקער אָהן שטעלען, וועלכע בעטלען אין צוריסענע קליי-דער נדבות איבער די גאַסען,—פערהונגערטע שטודירטע לעה-רער, וועלכע האָבען יאָהרענלאַנג קײן אויסזיכט ניט צו קריגען אַ שטעלע,—יונגע דאָקטוירים, וועלכע עס גיט זיך קײן מאָל ניט אײן צו האָבען גענוג פּאַציענטען, — יוריסטען, וועלכע האָבען אַ לאַנגע צײַט קײן אַרבײַט ניט, — מחברים, וועלכע ערוואַרטען מיט שרעק דעם מאָרגעדיגען טאָג, ווײַל זיי ווייסען ניט, פון וואָס וועלען זיי לעבען,- קינסטלער, וועלכע הונגעריען ניט ערגער ווי די אונגליקליכסטע אַרבײַטער. פון „שלי'מזל'ים" קען בײַ אַזאַ אַלגעמײַנהײַט און פערברייטקײַט פון דיזען עלענד קײן רייד ניט זײַן; דאָ מוזען ליגען טיעפערע אורזאַכען. וועלכע האָבען צו-געגעבען אַ פאָלשטענדיג נײַע געשטאַלט דער גאַנצער עקאָנאָ-מישער עקסיסטענץ פון דיזע בעפעלקערונגס-שיכטען.

און אין דער אמת'ן איז טאַקי אַזוי — ווי עס ווייזט זיך גלייך אַרויס, ווען מען קוקט זיך צו נעהענטער — און אין דאָס רוב גייסטיגע פאַכען איז די איינציגע אורזאַכע דערפון: די ענטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם, די שטענדיג-וואַקסענדע הערשאַפט פון גרויסבעטריעב, אין וועלכען די גייסטיגע אַרבייט שפּיעלט אויך נאָר אַ ראָלע פון אַ בעצאָהלטען אַרבייטער, פון אַ לוין-דינער, וועמעס פרנסה ווערט בעשטימט דורך די געזעצען פון אָנגעבאָט און נאָכפראַגע, און וועלכער האָט איבערהויפּט קיין פרנסה מעהר ניט, ווען דער נאָכפראַגע איז צו קליין אָדער ווען דער אָנגעבאָט פון די קאָנקורענטען איז צו גרויס.

לאָמיר נעהמען דעם היינטיגען טעכניקער! ער האָט אפשר געקראָגען די בעסטע ערציהונג, וועלכע מען קען זיך פאָרשטעלען; ער האָט אפשר די גלענצענדסטע ערפינדונגען אין קאָפּ, פון וועלכע עס וואָלט אפשר בעגולט געוואָרען דער, וועלכער וואָלט זיי אויסגענוצט. אָבער וואָס קען אָנהויבען טהאָן דיזער קבצן מיט זיינע רייכע אידעען: כדי זיי אויסצופּראָבירען, כדי זיי צו ווערווירקליכען, דאַרף ער האָבען טייערע הילפס-מיטלען, דערצו דאַרף מען האָבען — ווי ביי היינטיגע צייטען אין אַלע גרויס-אינדוסטריען — ריזען-קאַפּיטאַלען, וועלכע די בעזיצלאָזע אינטעליגענץ וועט קיין מאָל ניט קענען ערווערבען, פּונקט אַזוי, ווי דער אָרעמער וועבער — אַ וועבעריי-פאַבריק, אָדער ווי אַ'ן אייזען-אַרבייטער — אַ'ן אייזען-פאַבריק. דעריבער מוז דער בעזיצלאָזער טעכניקער, פּונקט אַזוי ווי דער בעזיצלאָזער האַנד-אַרבייטער, אָנקומען צום קאַפּיטאַליסט, וויל נאָר ביי איהם אין דינסט קען ער אַרבייטען און פּראָדוצירען. אויף אַזאַ אופן קומט פאָר צווישען דעם בעזיצער פון די פּראָדוקציאָנס-מיטלען און דעם גייסטיגען אַרבייטער דער זעלביגער מסחר, ווי צווישען דעם פאַבריקאַנט און דעם האַנד-אַרבייטער, און וויל אין ביידע פאַלען איז דער בעזיצער שטאַרקער און מעכטיגער, וויל דער

טעכניקער קען פון זיינע טעכנישע קענטניסען פונקט אזוי ווייניג געניסען, ווי דער פאבריק־פראלעטאריער פון זיין ארביטס־קראפט, ווערט אויף אזא אופן אויך ביי דעם טעכניקער אין אלגעמיינעם בעראבעוועט דער פראדוקט פון זיין ארבייט, און אלץ מעהר און מעהר מוז ער זיך בענוגענען מיט א קארגער הוצאה.

אויב דאס טרעט היינט נאך ניט אזוי דייטליך ארויס, איז דאס גאר פראסט דעריבער, ווייל א'ן אנדערען, א מוצלח, גיט עס זיך נאך אלץ איין צו האבען א מאנאפאל־שטעלע, ער האט דארטען ניט קיינע קאנקורענטען און דער קאפיטאליסט קען אהן איהם ניט אויסקומען און מוז איהם טאקי דעריבער „ערליך" בעצאהלען. אבער ווי פיעל פון אונזער גרויסער צאהל אינזשענערען, טעכניקער און כעמיקער זיינען אזעלכע מוצלחים?

און מוז דען דא ניט פערגרעסערען זיך די קאנקורענץ, וואס מעהר עס פערברייטערען זיך די אוניווערזיטעטען און טעכנישע אינסטיטוטען? די פאך־שולען זיינען — ווי גרויס עס זאל ניט זיין זייער קולטורעלע בעדייטונג — פאר די קאפיטאליסטען, ניט מעהר ווי א מיטעל צו בעשאפען פאר זיך א רעזערווע פון ווארלועלע „געלעהרענטע" ארבייטס־קרעפטען. ווי זאל שטענדיג ניט פערגרעסערען זיך די צאהל פון דיזע אונבעשעפטיגטע „ספעציעלע" פאך־לייט, ווען דער גרויסבעטריעב קען אויסקומען מיט לפי ערך אלץ א קלענערער צאהל אויפזעהער און דירעקטארען, און אז דער שטענדיגער וואוקס פון די ארבייטס־קרעפטען יאגט איבער דעם נאכפרעג אין דער פריוואט־אינדוסטריע? גייסטיגע לוין־ארבייטער — אבהייניגיג פונקט אזוי, ווי די האנד־ארבייטער, ערהאלטענדיג פאר די ארבייט א הונגער־לוין, ארויסגעווארפען אויפ'ן גאס אין א שלעכטער צייט, שטענדיג אהן האפנונג ווען עס איז זעלבסטשטענדיג, א בעל־הבית פאר זיך צו ווערען — דאס ווערט ביי היינטיגע בעדינגונגען אלץ מעהר און מעהר דער שיקזאל אויך פון דער גייסטיגער ארבייט.

און איז דען דאָס ניט דער שיקזאַל אויך פון גרעסטען טייל קינסטלער און מחברים?

געוויס, אויך דאָ פערדיענען נאָך איינצעלנע אוצרות געלד, אָבער די צאָהל פון אַזעלכע מוצלחים איז זעהר אַ קליינע, און מען איז געגאַרט דערין נאָר דעריבער, ווייל די פאַלשע צייטונגען קענען זיך ניט אָנלויבען פון דעם שיקזאַל פון דיזע איינצעלנע מוצלחים.

נאָר די מאַסע פון די קינסטלער און שריפטשטעלער איז היינט שוין ניט מעהר, ווי אַ גרויסע בעזיצלאָזע לוין-אַרבייטערשאַפט, וועלכע ווערט עקספּלואַטירט פון דעם קאַפּיטאַל און וועלכע קען פערדיענען איהר שטיקעל ברויט נאָר ביי אַ קלאָגעדיגער אָבהייננגיקייט. דער מאַלער מאַטערט זיך, צוגרייטענדיג נייע מוסטערן פאַר אַ גרויסען געשעפטס-הויז, פאַר אַ טעפּיך- אָדער טאַפּעטען-פאַבריק, אָדער אויספיהלענדיג אַ בעשטעלונג פאַר אַ'ן אילוסטרירטען זשורנאַל. דער מחבר „אַרבייט" פאַר אַ גרויסען ביכער-פערלאַג, וועלכען ער מוז פערקויפען זיינע ווערק, ווייל, אויב ניט, וועט ער דאַרפען שטאַרבען פון הונגער, — אָדער פאַר אַ טעגליכער צייטונג, וועלכע איז אויך ניט מעהר ווי אַ גרויסע געשעפטס-אונטערנעהמונג, אין וועלכער עס ליגען מיליאָנען, וועלכע האָט איהר ריוח פון דער עקספּלואַטאַציע פון צעהנדליגער שרייבער. וואָס קענען יעדע מינוט אַרויסגעוואָרפען ווערען אויף'ן גאַס, ווען דאָס וועלען נאָר פאָדערען די אינטערעסען פון געשעפט. און אויך דאָ וואַקסט די קאָנקורענץ צווישען די „אָבהייננגיגע", וואָס מעהר עס פערברייטעט זיך די בילדונג, און דעריבער אויך די צאָהל פון די, וואָס „האָבען אַ גוטע פּען", — וואָס מעהר עס ווערען אויך ספּעציאַליזירט די גייסטיגע אַרבייטען און וואָס מעהר עס ווערט דורך דעם מעגליך זיי גיכער און לייכטער אויסצושטודירען.

אויף אַזאַ אופן זעהען מיר אומעטום דעם זעלביגען בילד, ווי ביי דער האַנד-אַרבייט; נאָר דאָס, וואָס אין איין אָרט האַלט

זיך נאָך אין ענטוויקלען, איז שוין אין אַ צווייטען אָרט פאָל-שטענדיג פאַרטיג.

דאָס, וואָס עס קומט פאָר מיט דער גאַנצער מאַטער-יעלער פּראָדוקציאָן, וועט אויך באַלד ווערען מיט דער גייסטיגער אַרבייט. די גאַנצע גייסטיגע פּראָדוקציאָן וועט באַלד אָנהויבען אויסגעפיהרט ווערען נאָר פון לוין-אַרבייטער, וועלכע ווערען געדונגען און אַוועקגעלאָזען פון דעם קאַפּיטאַל, וועלכער וועט אין גיכען זיך אָבגעבען מיט דער גייסטיגער אַר-בייט פונקט אַזוי ווייניג, ווי ווייניג ער גיט זיך שוין איצט אָב מיט דעם קלאַפּען, שפּינען, וועבען און אַקערען, — וואָס עס שטערט איהם ניט, געניג אָנצוקלייבען אין זיינע שפּייכלערס.

וועט די צושפּאַלטונג פון דער געזעלשאַפט שוין אַזוי ווייט קומען, דאַן ווען דער סאָציאַליזם גיך קומען צום נצחון. ווי דער עמוד האֵש (פייער-זייל) וועט דער פּראָלעטאַריאַט פון דער אינ-טעליגענץ אָנווייזען דעם וועג דעם פּראָלעטאַריאַט פון האַנד-אַרבייט און פיהרען די פעלקער צו זייער קינפטיגען וועלט-היסטאָרישען ציעל.

די בורזשואַזע וועלט, וועלכע איז דורך און דורך צופוילט, מאַטערט זיך אָבצוהאַלטען דיזע ענטוויקלונג; אָבער עס ווערט אַלץ קלאָרער, אַז דאָס פּראָבירט זיך מעהר ניט דער בעזיץ, וואָס האָט שוין אָבגעלעבט זיין צייט, אונטערצודריקען אַלץ, וואָס פערמעהרט די גייסטיגע און מאַטעריעלע קולטור-אַרבייט; אָט דיזע פּראָבעס וועלען צושמיעדען די פערטהיידיגער פון דער אַלטער אָרדנונג צום שאַנדוואָגען פון דער געשיכטע.

---

## V.

אָבער — הערען מיר אָפּט פון איניגע שוואַכע נפשות — צו ווערען דען אַלע עקספּלואַטירטע, וועלכע שטעהען בלי ספק

אין געגענזאץ צום קאפיטאל, ווירקליך געטריבען ביז צו די סאציאליסטישע פאדערונגען. אדער וועט ניט א גרויסער טייל פון זיי דערשרעקען זיך פאר דעם סאציאליזם, ווי פאר א שפרונג אין א'ן אונבעקאנטע וועלט? צו וועלען די בעדריקטע ניט פרעגען פערציוויפעלט זיך אליין, אויב דער סאציאליזם קען זיי אין דער אמת'ן טאקי געבען דאס, וואס ער זאגט צו? און צי וועט ניט ביי זיי — וואס מעהר זיי וועלען זיך פערטיעפען אין דיזער פראגע — פערשווינדען דער דרייסטער מוטה פון דער ערשטער בעגייסטערונג, און צי וועט דאס זיי ניט ברינגען דערצו, אז זייער איצטיגען לעבען, וועלכער איז אפילו קלאגעדיג און אבהיינגיג, וועלען זיי דאך ניט וועלען פערבייטען אויף א'ן אונזיכערע, פיליכט נאך א סך א קלאגעדיגערע, עקסיסטענץ אין דער צוקונפט?

אבער אויך דא זארגט די גאנצע עקאנאמישע ענטוויקלונג, אלע ערפאהרונגען פון טעגליכען לעבען — בעסער, ווי וועלכע עס איז פראפאגאנדע אדער אויפמונטערונג — שטענדיג דערפאר, אז די ציעלען פון סאציאליזם זאלען וואס וויטער אלץ ווינציגער ערשיינען אלס אוטאפיען (חלומות), און זיינע פאדערונגען זאלען וואס וויטער אלץ מעהר ערשיינען אלס נויטווענדיגע.

דער קאפיטאל האט ביז איצט פערטיידיגט די אלע יסורים, וועלכע ער האט אליין בעשאפען, דורך די אלטע באבע־מעשות, וועלכע ווערען געפריידיגט אין קירכע און לעהר־שוהל, אז א מאסען־ארימקייט מוז שטענדיג עקסיסטירען, און א טעאריע פון צבוע'קעם האט זיך געסטארעט צו דערווייזען די ריכטיגקייט פון דיזע באבע־מעשות דורך דעם פאקט, וואס די בעפעלקערונג ווערט אלץ גרעסער און גרעסער. דער קאפיטאל אליין אבער — שטארקער און גרינדליכער ווי אלע זיינע געגנער — האט ביז צום גרונד צובראכען דיזע פאלשע איינבילדונג.

וואו קענט איהר נאך ביי היינטיגע צייטען געפינען אונטער דעם גרויס־בעטריעב א נויט־צושטאנד, וועלכער זאל שטאמען

דערפון, וואָס מען האָט ניט געקענט געניג פּראָדוצירען? בריינגט דען ניט גיכער די איבערפּראָדוקציאָן פון אַלע סחורות פעריאָדיש די ביטערסטע דחקות פאַר די גרויסע פאָלקס-מאַסען? וואַקסט דען ניט די דחקות פון די אַרבייטער, וואָס מעהר עס וואַקסט דער איבערפלוס (מותרות) פון די סחורות, וועלכע זיי אַליין האָבען אויסגעאַרבייט. פון וועלכע זיי גופא קומט אָבער נאָר אָן דער קלענסטער טייל, צוליעב דעם, וואָס די פּראָדוקציאָנס-מיטלען געפינען זיך אין פּרעמדע הענד? איז דאָס דען נאַטיר-ליך, אַז צו דער זעלבער צייט, ווען עס איז דאָ אַזוי פיעל עסענוואַרג, קליידער, אַלע מיטלען פאַר אַ בעקוועמען און אַנ-גענעהמען לעבען, זאָל דאָס פאָלק שטאַרבען פון הונגער און נויט? אָדער ווייזט זיך ניט גיכער אַרויס ביי אַזאַ לאַגע, אַז די היינטיגע אָרדנונג איז אונגאַטירליך און קען קיין קיום ניט האָבען? און ווען די אַרבייט קען אונטער דער הערשאַפט פון פּריוואַט-קאַפּיטאַל— ניט קוקענדיג אויף איהר שעפּפערישע קראַפט און שטענדיגען וואוקס— קיין מאָל ניט דערשלאָגען זיך מעהר, ווי אַ קלאָגעדיגען לעבען, דאַן וועט דער קאַפּיטאַל ניט נאָר ניט קענען קיין מאָל בעזייטיגען דיזען געגענזאַץ, וועלכער וואַרפט זיך גלייך אין די אויגען, נאָר ער וועט איהם שטענדיג צוגעבען אַלץ אַ קלערערען אויסזעהען. ער וועט שטענדיג מעהר און מעהר פערוויקליכען דעם בילד, אַז אין זיינע שפּייכלערס און אויסגעפּוצטע קראָמען זיינען צונויפגעקליבען מורא'דיגע מענ-גען פון אַלערליי גיטער און אין דער זעלביגער צייט שפּאַצירט אַרום אויף'ן גאַס די נויט—מיט איינגעפאַלענע אויגען און אין שמאַטעס, אומזיסט אויסשטרעקענדיג איהרע הענד צו אַלע דיזע רייכטהימער.

אַ דאַנק דעם וועט אָבער ניט בענעגענען קיין ספקות דער סאָציאַליזם מיט זיין פּרעהליכער נביאות, אַז ער וועט בריינגען די אויסלייזונג פון אַלע צרות און גליק אויף דער ערד, נאָר די תורה, אַז די נויט מוז עקסיסטירען, וועט מעהר ניט געפינען קיין תלמידים.

אָבּער, צי וועט מען דען אַזוי לײַכט אָנהויבּען גלויבּען אין די שעפּפעריִשע קראַפט פון פּראָלעטאַריאַט? מען האָט דאָך אַזוי אָפט גערינהמט די אָרגאַניזאַטאָריִשע פייהיגקײַטען פון פּריוואַט-קאַפּיטאַל: וועט מען זיך דען מיט דער צײַט אומעטום איבּער-צייגען, אַז מען דאַרף האָבּען דיזע פייהיגקײַט אויף כפּרות? האָט דען ניט די בּורזשואַזיע אין דער צײַט פון איהר אויפבּליהונג און אונבּעגרענצטער הערשאַפט בּעשאַפען „גלענצענדע זאַכען"? „זי האָט אונטערטהעניג געמאַכט די נאַטור-קרעפטען, מאַשינען, האָט אָנגעווענדט די כעמיע בּײַ אינדוסטריע און ערד-אַרבּײַט, האָט אויסגעטראַכט דאַמפּף-שיפען און אײַזענבּאַהנען, עלעקטריִשע טעלעגראַפען, האָט בּעאַרבּײַט גאַנצע וועלט-טיילען, האָט דורכ-געלייגט וועגען דורך ימים, האָט בּעשאַפען גאַנצע מדינות— וועלכער פריהערדיגער יאָהרהונדערט האָט זיך גאָר פאָרגעשטעלט, אַז אין דעם שוים פון דער געזעלשאַפטליכער אַרבּײַט ליגען בּע-האַלטען אַזעלכע פּראָדוקציאָנס-קרעפטען?" (מאַרקס), צי וועט קענען אַ נײַער שיכט פון דער געזעלשאַפט ווײַטער פיהרען דיזע אַרבּײַט ווי געהעריג?

אָבּער מען מעג זיך קלערען וואָס מען וויל פון דער פריי-הערדיגער קולטור-היסטאָריִשער ראָלע, וועלכע דער קאַפּיטאַל האָט געשפּיעלט—עס ווערט אַלץ מעהר און מעהר קלאָר, אַז ער האָט שוין זײַן ראָלע אָבּגעשפּיעלט. און ווי יעדע אָבּגעלעבּטע מאַכט, קען דער קאַפּיטאַל נאָר דיענען ווי אַ שטע-רונג פאַר דעם פּראָגרעס,—אַז שוין איצט געהערען אַלע קולטורעלע אַרבּײַטען כמעט אויסשליסליך דעם פּראָלעטאַריאַט, דעם פּראָלעטאַריאַט פון האַנד-אַרבּײַט און קאָפּ-אַרבּײַט. אַראָט-שילד, למשל, גרינדעט הײַנט גאָלד- און אײַזען-גרובּען, ער נעהמט אַנ'„אַנטהייל" אין מאַשינען-פאַבּריקען און אײַזענבּאַהנען— צו ווײַזט זיך ניט אַרוים אָבּער זײַן גאַנצער „אָנטיילנעהמען" נאָר אין דעם, וואָס ער נעהמט זיך דעם גרעסטען חלק פּראָפיט פון דיזע אונטערנעהמונגען, און צו וואָלט ניט געהן דער מעכאַניזם

פון דער פראָדוקציאָן אויך אָהן איהם מיט דעם זעלבּיגען גאַנג? זיינע פאַבּריקען און זאַוואָדען קען ער נאָר פון די בּעריכטען פון זיינע אַגענטען און דירעקטאָרען, ער פערבּרייינגט זעהר ניט גערן אין די שמוציגע נעגענדען פון די פאַבּריקען און גרובּען. אָבּער אין דער זעלבּיגער צייט, ווען ער גיט זיך אָבּ זיינע תענוגים אין פּאַריז אָדער דער יאַגד אין זיינע וועלדער פון שאָטלאַנד און אירלאַנד, גיבּען אַרויס זיינע גרובּען, גאָר ניט קוקענדיג אויף דעם, זייערע קויהלען און מעטאַלען, זיינע זאַוואָדען שמעל-צען אייזען און אין די פאַבּריקען ווערען צונויפגעשטעלט מאַשי-נען. אין דעם גאַנצען היינטיגען פראָדוקציאָנס-אָרגאַניזם פער-נעהמט שוין מעהר דער קאַפּיטאַליסט קיין פּלאַץ ניט. דיזער אָרגאַניזם ווערט אויסשליסליך פון פּראָלעטאַריאַט, פון בּעצאָהלטע שכירות-מענשען, אָנגעטריבּען און אָנגעפיהרט. די גאַנצע רייכ-טהימער ווערען שוין בּיי היינטיגען טאָג בּעשאַפען פון בּעזיצלאָזע— פאַר וואָס-זשע זאָגען אַנדערע, אַז זיי וועלען ניט זיין פעהיג אין דער צוקונפט צו פיהרען די פראָדוקציאָן? און דער קאַפּיטאַל וואָס שטעהט בּראש, וועמעס אַרבּייטען מען געפינט דורכאויס נייטיג, האָט שוין היינט בּיי דער פראָדוקציאָן נאָר איין פונקציע: אַראָבּצונעהמען פון דעם אַרבּייטס-פראָדוקט אַלץ, לאָזענדיג פאַר די, וועלכע פראָדוצירען אין דער אמת'ן, נאָר אויף די נשמה צו דערהאַלטען. שטאַרבּען אָבּ דיזע פערהעלטניסען צווישען בּעזיץ און אַרבּייט, אָדער זיי פערשטאַרקען זיך אַלץ מעהר אין אונזער צייט פון אַקציאָנערען און מיליאָנערען, בּעפרייענדיג אַלץ מעהר דעם בּעזיץ פון יעדען מיטאַרבּייטען אין דער פראָדוקציאָן?

דער פּריוואַט-קאַפּיטאַל ווייזט אַלזאָ מיט זיין וואַקסען אַלץ מעהר און מעהר, אַז מען קען אין גאַנצען אָהן איהם אויסקומען, און אַז די איינציגע קראַפט, וועלכע בּעשאַפט אַלץ, איז די קראַפט פון פּראָלעטאַריאַט. און בּאַלד וועט יעדער מענש, ניט קיין סך טראַכטענדיג, דאָס אַלץ פערשטעהן.

און ניט נאָר דאָס אַליין. יעדער וועט אויך זעהן, אַז ניט

נאָר וואָס דער קאַפּיטאַל שאַפט שוין מעהר גאָר ניט, נאָר אַז ער לייגט נאָך אַרויף אויף די פּראָדוקציאָן קינסטליכע קייטען, ווייל ער ניצט ניט אויס דעם אַלץ וואַקסענדען טייל פון די פּראָ־דוקציאָנס-קרעפטען, וועלכע זיינען שוין איצט דאָ. דער קאַפּי־טאַליזם רופט אַרויס אַלץ לייכטערע און טיפערע קריזיסען; דערביי האָבען די אַרבייטס-קרעפטען ניט קיין אַרבייט און די מאַשינען שטעהען שטיל. און ער קען שוין ניט אַפילו אין דער צייט פון אויפבליהען געבען בעשעפטיגונג פאַר אַלע מענשען און פּראָדוקציאָנס-מיטלען. וואָס ווייטער ער ענטוויקעלט זיך, מוז ער אַלץ מעהר אויסרופען נייע „בעשרענקונגען פון דער פּראָדוקציאָן", פּריוויליג, ווי למשל דורך קאַרטעלען[1]), אָדער געצוואונגענער־הייט—ווי אין די צייטען פון קריזיסען.

ניט מעהר מיטצווירקען אין דער פּראָדוקציאָן, נאָר איהר אָבצוהאַלטען און דערביי פערחאַפּען פאַר זיך די הכנסה פון פרעמדע אַרבייט—אָט דאָס וועט זיך אַלץ קלאָרער און קלאָרער אַרויסשטעלען גאָך אַלע עקאָנאָמישע איבערקעהרענישען פון אונ־זער צייט, אַלס די איינציגע פונקציע פון קאַפּיטאַל. דאַן וועט שוין אָבער קיינער ניט האַלטען פאַר אוטאָפּיסטיש, אָדער אַפילו פאַר קולטור-פיינדליך, די אָבשאַפונג פון פּריוואַט-אייגענטום; און דאַן וועט דאָס אַריבערגעהן פון די פּראָדוקציאָנס-מיטלען אין דעם כלל-אייגענטהום פון די, וועלכע פּראָדוצירען אין דער אמת'ן, אַלץ מעהר און מעהר ערשיינען ווי אַ נייטיגקייט און ניט ווי אַ שפּרונג אין די אונבעקאַנטע צוקונפט.

אויף אַזאַ אופן מוז די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג ניט נאָר דעם סאָציאַליזם שטענדיג העלפען צו פערברייטערען זיך, נאָר זי מוז ערוועקען אַלץ אַ שטאַרקערען גלויבען אין דעם אמת פון זיינע הבטחות און אין די ריכטיגקייט פון זיינע פאָדערונגען.

---

[1]) פאַבריקאַנטען-בונדען.

## VI.

אַזוי זעהען מיר, ווי פאַר אונזערע אויגען ענטוויקעלט זיך די געוואַלטיגסטע קולטור-בעוועגונג, וועלכע עס האָט ווען עס איז אַרויסגעשפּראָצט פון די נידריגסטע שיכטען פון דער מענש-הייט. געבאָרען פון אַזוינע עקאָנאָמישע איבערקעהרענישען, וועלכע עס האָבען זיך קיינעם ניט געחלומ'ט, געטראָגען פון דער נויט און דער בעפרייאונגס-שטרעבונג פון אַ נייעם אויפגעקומענעם קלאַס, וועלכער האַלט אין שטענדיגען וואַקסען — וואַקסט דיזע בעוועגונג מיט דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פון די פּראָדוק-ציאָנס-פערהעלטניסען פון שוואַכע צובראָקעלטע שטרעמונגען אין אַ שטאָלצען, זעלבסטבעוואוסטען, ברייטען שטראָם, וועלכער — בעגראָבענדיג אין זיינע חוואַלעס די רעשטען פון אָבהיינגיגקייט צווישען מענשען—פליסט אָהן אַנ'אָבהאַלט צו זיין ציעל: איינצו-פיהרען אַ ברידערליכע פרייע אַרבייט פון אַלע פאַר אַלע, אַנשטאָט דער עבודת-פרך פון אַלע מענשען צום נוצען פון אַ קליינער הייפעלע.

אַלע הערשענדע קלאַסען זיינען אַ מאָל געווען אונטערדריקט און האָבען געמוזט דערגרייכען זייער בעפרייאונג דורך קאַמפּף געגען די אונטערגעהענדע געזעלשאַפטס-שיכטען, וועמעס קולטו-רעלע שליחות איז שוין געווען אָבגעשטאָרבען. פונקט ווי דיזע זיינען אַראָב פון זייער טראָן כדי צו געבען אַנ'אָרט די ענטוויק-לונגס-פיהיגערע קרעפטען, אַזוי וועט אויך די הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע זיין ניט מעהר ווי אַ פאָראיבערגעהענדער פעריאָד אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט — אין אָנהויב אַ פעריאָד פון „גלענצענדע מעשים", שפּעטער אָבער אַ לאַנגער פעריאָד פון קינסטליכען שטילשטאַנד און רעאַקציע. די סימנים פון דעם אונ-טערגאַנג ווערען איצט אַלץ מעהר און מעהר קלאָר, און באַלד וועט אַלץ, וואָס פערטראָגט זיך היינט פיינדליך צום סאָציאַליזם, ווערען פּראָלעטאַריזירט, אָדער וועט בעגעגענען מיט אַ שמחה דעם פּראָלעטאַריאַט, ווי אַנ'אויסלייזער פון אַלע שרעקליכע צרות.

די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע פון פּראָלעטאַריאַט, ניט קוקענדיג אויף אַלע געגנער, האָט אַלזאָ ניט דעם גרונד צו פערלירען דעם מוטה, נאָר פערקעהרט, זי האָט אַלע אורזאַכען צו קוקען אין די צוקונפט מיט אַ גרעסערער האָפ-נונג, ווי ווען עס איז. אין זיין קולטורעלער בעדייטונג איז דער פּראָלעטאַריאַט שוין היינט אַ ריזע, וועלכער טראָגט אויף זיינע שטאַרקע פּלייצעס די גאַנצע וועלט פון די מאַטעריעלע און גייסט-ליכע אַרבייטען. נאָר פּאָליטיש, אין זיין דעה אויף די געזעצגע-בונג און רעגירונג, איז ער נאָך היינט אַ קאַרליק, און ווי לאַנג מיר זיינען קאַרליקעס, קען מען פון אונז און פון אונזערע געג-נער זאָגען:

מיר בעשאַפען אייזען,
זיי שמיעדען קייטען.

אָבער, אויב מיר טראָגען נאָך היינט קייטען, און אויב זיי קלינגען ביי יעדען שריט, וועלכען מיר מאַכען, געהען מיר דאָך פאָרווערטס פון איין נצחון צו דעם אַנדערן און מיר וועלען אויך ווייטער זיעגען, ביז מיר וועלען ניט דערגרייכען אונזער לעצטען ציעל.

דאַן וועלען פון אונז אַלעמען אַראָפּפאַלען די קייטען פון נויט; די נאַכט פון אונוויסענהייט און ווילדקייט וועט אַוועקגעהן פון אַלע מענשען און די ליכטיגע לעבענס-פריהד, וועלכע בע-לייכט היינט נאָר די שפּיצען פון דער געזעלשאַפט, וועט זיך אַראָבלאָזען אויך אין די פינסטערע טיעפעניִשען פון פאָלק, און די בלויזע אַרבייטס-פיה, וועלכע זיינען דאָרטען צונויפגעקליבען. וועט זי מאַכען צו אונאַבהייִנגיגע, גליקליכע מענשען.

דאַן וועט בעשאַפען ווערען אַ שענערע, בעסערע וועלט, וועלכע וועט ברייִנגען אַלע מענשען פרייהייט, אַ לעבען אָהן דחקות, און בילדונג.